STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06283

# GEKLIBENE SHRIFTN, DERTSEYLUNGEN UN LIDER

Isaac Bloom

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יצחק בלום

# יצחק בלום

# געקליבענע שריפטן

## דערציילונגען
## און
## לידער

אויפן זעלבן וועג

דערציילונגען

אַנדערע ביכער ביז איצט
דערשינען
פון
# י צ ח ק   ב ל ו ם

„פון ברעג צו ברעג״
דערציילונגען

„אין דער שטיל״
לידער
1919

„אין גאַנג פון די יאָרן״
„אין אומרו פון לעבן״
דערציילונגען
1934

„אַ שטעטעלע אין פוילן״
ערשטע אויפלאַגע (1000 עקז.)
1940

צווייטע אויפלאַגע (2000 עקז.)
1949

„געקליבענע שריפטן״
דערציילונגען און לידער
1954

Copyright 1954
by ISSAC BLOOM
New York, N. Y.

פאַרלאַג
פּאָעזיע
און
פּראָזע

200

# אַ וואָרט פון מחבר

ווען אַ אידישער שרייבער וויל ביי איצטיקער צייט אַרויסגעבן אַ בוך, געפינט ער זיך אין אַ שווערע פאַרלעגנהייט.

ווער שמועסט נאָך ווען ער איז געבענטשט (אָדער געשטראָפט) מיט צוויי „מוזעס" — דערציילער און פּאָעט צוזאַמען, איז זיין פאַר־לעגנהייט דאָפּלט שווער, ממש טראַגיש.

נאָך טראַגישער איז די לאַגע פונעם עלטערן שרייבער און דיכטער, וואָס ווייס אַז ער האָט שוין מער יאָרן הינטער זיך, ווי פאַר זיך... אַז ס'איז שוין ניטאָ קיין צייט צו וואַרטן און מען דאַרף זיך צואיילן מיטן אַרויסגעבן אַ בוך, אָדער צוויי, פון דער מערערער צאָל ביכער וועלכע ליגן שוין לאַנג צוגעגרייט אין דער בעסטער אָרדנונג, פאַרטיק צום דרוק. קיין באַנק־ביכלעך, ווייס ער, וועט נאָך אים ניט בלייבן, זאָל כאָטש עפּעס בלייבן פון זיין גייסטיקן פאַרמעג...

אָבער, וואָס לענגער אַ אידישער שרייבער האָט געוואַרט האַלטנדיק די אָפּגעדרוקטע מאַנוסקריפּטן אין טיש־קעסטל, ניט האָבנדיק די פּי־נאַנציעלע מיטלען זיינע ביכער אַרויסצוגעבן (מחמת, קיין אידישער פאַרלעגער אַרויסצוגעבן אַ אידישן בוך איז שוין לאַנג ניטאָ), אַלץ שווערער איז געוואָרן פאַר אים דאָס צו טאָן, ווייל אַ בוך אַרויסגעבן היינט־צו־טאָג איז מיט גאָלד צוגלייך...

און נאָכדעם, ווען עס געלינגט שוין אַפילו נאָך גרויסע אנשטרענ־גונגען דעם בוך אַרויסצוגעבן, הויבט זיך איצט אָן דער נאָך שווערער וועג פון פאַרקויפן דעם בוך, אַזוי, אַז דער שרייבער איז אָפט געצוואונגען צו ווערן דער אַגענט פונעם אייגענעם גייסטיקן פאַרמעג...

דאָס שווערסטע קומט אָבער פאַרן שעפער פוןביידע מוזעס, ווען ער דאַרף באַשליסן וואָס און וועלכעס אַרויסצוגעבן. ער וואָלט וועלן פון די עטלעכע בענד, וואָס ליגן פאַרטיק צום דרוק, אַרויסגעבן כאָטש צוויי ביכער — אַ בוך דערציילונגען, און אַ בוך לידער... אָבער צוליב פינאַנציעלע שוועריקייטן, וועט ער מיט גאָר גרויסע אנשטרענגונגען, קוים קענען אַרויסגעבן איין בוך... בלייבט די פראַגע: וואָס זאָל ער אַרויסגעבן, די דערציילונגען, צי די לידער? ביידע זיינען אים ווי אַ צווילינג ליב און טייער, ביידע קומען פון זיין מאַרך און בלוט... דערצו האָט ער נאָך דאָס געפיל אַז ער איז שוין ניט יונג, מעגלעך אַז דאָס איז שוין די לעצטע אויסגאַבע לויט די פיזישע און פינאַנציעלע כחות...

קומט פאָר ביי דעם דערציילער־פּאָעט אַ ויתרוצו... בייטאָג און ביינאַכט מאַטערט אים די פראַגע: וועלכע פון די צוויי?...

ענדלעך מאַכט ער מיט זיך אַ פשרה: ביידע באַזונדער קען ער ניט אַרויסגעבן, וועט ער אַרויסגעבן פון ביידע צו ביסלעך אין איין בוך...

און דאָ קומט דאָס פּיינלעכסטע — דער אָפּקלייב, וואָס יאָ, און וואָס ניט? מי לחיים, ומי למות? ס'איז אַ משפט איבער די אייגענע „צווילינג־קינדער", איבער זיך אַליין...

אָבער קיין אַנדער ברירה איז ניטאָ. די אָפּעראַציע מוז געמאַכט ווערן, ווי עס זאָל ניט ווי טאָן, און וויפיל בלוט עס זאָל ניט אויס־רינען...

לאָזט מען זיך אויף גאָטס באַראָט...

אָט דאָס האָב איך לעצטנס איבערגעלעבט און דורכגעפילט אויף מיין אייגענעם לייב און לעבן...

י. ב.

* * *

ווען מען קלייבט זיך אַ בוך אַרויסגעבן,
ווערט אַלץ אַזוי ליב, אַזוי טייער;
יעדער וואָרט, יעדער אות, אַ שטיק לעבן
געלייטערט אין נשמהדיקן פייער.

דו זיצסט ווי אין טרויער געבויגן
און קוקסט אויף די ווערטער די שטילע;
מיט ספק און טרער אין די אויגן
דו בעטסט צו גאָט און טוסט תפילה:

אָ גאָט, שטאַרק מיין האַרץ און מיין ווילן,
אויסצוקלייבן דאָס שענסטע און בעסטע!
ניט צו ווערן באַהערשט פון געפילן,
אַז אַלץ אין דעם ווערק איז דאָס גרעסטע.

נאָר ס'האַרץ איז פאָרט שטאַרקער פון ווילן,
יעדער קינד איז ביי עלטערן טייער.
דו ווערסט דאָך באַהערשט פון געפילן,
און פאַרכאַפּט פונם אייגענעם פייער.

# אַן אַלטער מיטגליד

אין אָונט, נאָכדעם ווי מאָריס בלאָמבערג, אַ פּאַרהאָוועטער, אַן אָנגעשטרענגטער, איז אַהיים געקומען פון זיין קליידער־געשעפט, אָפּ־געגעסן סאַפּער, און פאַרבראַכט אַ וויל מיט זיין פאַמיליע ביים עס־טיש, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַקוועמען, ווייכן שטול דורכצו־קוקן די פּריוואַטע בריוו, וואָס זיינען צו אים דורכן טאָג אָנגעקומען.

צווישן אַלע אַנדערע בריוו איז אויך געווען אַ בריוו פון זיין סאָסייעטי וואו ער באַלאַנגט שוין עטלעכע צענדליק יאָר, און איז געווען איר גרינדער. געוויינלעך שענקט מאָריס זייער ווייניק אויפמערקזאַמ־קייט צו די בריוו, וואָס קומען אָן פון זיין לאַנדסמאַנשאַפט־סאָסייעטי. ער געדענקט שוין ניט די צייט ווען ער איז געווען ביי אַ מיטינג. דאָס געשעפט האָט אים אַזוי אַריינגעצויגן אַז ער האָט ניט קיין צייט, און קיין געדולד צו מיטינגען. דאָס מיינט ניט אַז ער האָט זיך אין גאַנצן אָפּגעזאָגט פון דער סאָסייעטי און ער וואָלט זיך געלאָזט אויסשליסן — דאָס וואָלט ער ניט געטאָן פאַר קיין געלט אין דער וועלט; ער צאָלט זיינע בילס מיט אַלע טעקסעס. אַמאָל אויך גאָר נישקשהדיקע ספּעציעלע שטייערן, וואָס מען שרייבט אים צו פאַר געוויסע וויכטיקע און נויט־ווענדיקע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, וואָס די סאָסייעטי העלפט אַרויס... איז וועגן געלט גאָר קיין פראַגע ניט. ער שיקט אַ טשעק און פאַרטיק, אָבער פאָרן צו אַ מיטינג פון לאָנג־איילענד וואו ער האָט זיין היים, ביז ערגעץ דאַון־טאַון — דאָס ניט.

וואָס ס'איז שייך די בריוו, וואָס ער קריגט אַלע צוויי וואָכן פון זיין סאָסייעטי, וואו מען רופט אים צו די „רעגעלע" און „ספּעציעלע" מיטינגען, איז אים שוין באַקאַנט דער כמעט שטענדיקער און זעלבער סאָסייעטי־נוסח: „אַ רעגולער מיטינג וועט אָפּגעהאַלטן ווערן" א. ז. וו. — און לייענט זיי אפילו ניט. די מייסטע בריוו וואַרפט ער אַוועק איידער ער עפנט זיי...

אַ חוץ דעם, איז זיין לאַנדסמאַנשאַפט־סאָסייעטי ניט די איינציקע וואו ער באַלאַנגט. זיין געשעפט פאָדערט ער זאָל באַלאַנגען צו אַזעלכע „אַסאָסיאיישאַנס", וואָס האָבן גאָרניט צו טאָן מיט אָט די אַלע „בעי־נעפיטן", ווי קראַנקן־בענעפיט, דאָקטאָר, קרקע, א. ז. וו., פאַר וועלכן

צוועק זיינע, און אַלע אַנדערע לאַנדסמאַנשאַפטן־סאָסייעטיס האָבן זיך צו יענער צייט געגרינדעט, און היינט־צו־טאָג מיינט עס פאַר אים גאָרניט... און אויב ער גייט שוין יאָ אַמאָל צו אַ מיטינג, איז וואו זאָל ער פריער גיין, צו זיין לאַנדסמאַנשאַפט פאַראיין, מיט וועלכער בלויז סענטימענטאַלע פעדים פאַרבינדן אים, אָדער צו די „אַסאָסיאיישאָנס״, וואו ער איז פאַרבונדן מיט דער גרויסער געשעפטסוועלט? ער איז שוין לאַנג אַוועק פון די „גרינע יאָרן״ ווען סענטימענטן האָבן אים באַהערשט, צייטן האָבן זיך געביטן...

יאָ, ס׳זיינען היינט אַנדערע צייטן, מיט אַן אַנדער סאָרט לעבן, — טראַכט מאָריס בלאָמבערג פאַרויכערנדיק אַ געשמאַקן סיגאַר. — ס׳איז אַ צייט פון ראַדיאָ, טעלעוויזשאָן, עראָפּלאַנען, און מען מוז מיטהאַלטן מיט דער צייט איבערהויפּט ווען מען איז אין אַ גרויס געשעפט, די קאָנקורענץ איז גרויס און מען טאָר זיך ניט לאָזן אַוועקשטופּן פון שטאַרקערע כחות... און דאָ דערביי שטייען די ווייב מיט די קינדער און פאָדערן צו לעבן וואָס רייכער און באַקוועמער, און מען דאַרף דאָס אַלץ פאַרזאָרגן...

און דאָ פילט ער ווי לעצטנס גיט אים אָפּט אַ קלעם אונטערן האַרצן... ער וויל זיך אָפּשטעלן, אַ טראַכט טאָן וואָס מיט אים איז... אָבער ער ווערט באַלד פאַרשלונגען פון געשעפט, פאַרטיפט אין פאַרשידענע „סטיילס״, באַנק־רעכענונגען... און אַלע אַנדערע טויזנט־און־איינס זאַכן, וואָס אַ געשעפט פאָדערט...

ווען ער קומט אַהיים פון געשעפט דערציילט ער אַפילו ניט פאַר זיין הויז־געזינד ווי ער פילט, זיי ניט איבערצושרעקן, און טאָקע זיך אַליין אויך... איז בעסער אַז מען רעדט פון דעם ניט, מען מאַכט זיך פאַרגעסן... פאַרקערט, ער מאַכט נאָך אַ פריילעכע מינע, לאַכט און רעדט מיט דער ווייב, מיט די קינדער, ניט אַרויסצורופן ביי זיי קיין חשד אַז ער איז עפּעס ניט מיט אַלעמען...

אויך איצט, זיצנדיק אויפן ווייכן, באַקוועמען שטול מיט די בריוו אין דער האַנט, וואָס ער האָט זיך געקליבן איבערצולייענען, האָט ער דערפילט אַ לייכטן, שמערצלעכן שטאָך אין דער לינקער זייט ברוסט, וואָס האָט צום גליק גלייך אויפגעהערט... ער האָט ביי זיך באַשלאָסן אַז „מאָרגן״, יאָ, געוויס מאָרגן, וועט ער אַוועקלייגן אַלע געשעפטן אַן אַ זייט און זיך לאָזן אונטערזוכן פון אַ דאָקטאָר אויסצוגעפינען וואָס ס׳איז מיט אים דער מער...

טראַכטנדיק וועגן זיין געזונט, און וועגן זיך לאָזן אונטערזוכן פון אַ דאָקטאָר, האָבן זיינע פינגער ווי פון זיך אַליין אַ שאַר געטאָן דעם בריוו פון זיין לאַנדסמאַנשאַפט־פאַראיין צו זיך, ווי ער וואָלט דערוואַרט פון בריוו עפּעס אַ הילף פאַר זיין געזונט... ער האָט אים שנעל אויפגעריסן...

פאַר זיינע אויגן האָט אַ שלאָג געטאָן מיט גרויסע ווערטער דער ציפער 40 — 40 יאָר עקזיסטענץ פון זיין סאָסייעטי, אַ גרויסער יום־טוב! אַ יובילעאום יום־טוב! און מען פאַרבעט אים צו קומען מיט־יום־טובן מיט דער סאָסייעטי פון וועלכער ער איז געווען דער גרינדער. דאָס מאָל האָפט די סאָסייעטי, וועט ער זיך אודאי ניט אָפּזאָגן צו קומען זיך פרייען מיט זיין „אייגן קינד״, וואָס האָט דערלעבט אַזאַ עלטער...

מאָריס בלאָמבערגס גאַנצער וועזן האָט זיך ווי אַ טרייסל געטאָן, דער בריוו אין זיין האַנט האָט אַ ציטער געטאָן, ווי עפּעס אַן אומגע־ווינלעכע געשעעניש וואָלט אים פּלוצים אויפגעריסן פון אַ לאַנג־פאַר־שלעפערטן צושטאַנד און אים צוריקגעבראַכט צו זיך, צו דעם לעבן פון אַ„מאָל״, צו זיינע קינדערשע און אינגלשע יאָרן אין דער אַלטער היים, צו זיינע „גרינע יאָרן״ אין אַמעריקע....

דער ציפער 40, וואָס האָט אַזוי אומדערוואַרט אַ שלאָג געטאָן פאַר זיינע אויגן, האָט אים דערמאָנט, אַז ער איז שוין אַריבער 60 יאָר אַלט... ווען ער איז אַריבערגעקומען קיין אַמעריקע איז ער אַלט געווען אַ פּאָר און צוואַנציק יאָר... אָ, וואָס פאַר אַ שווערע און ביטערע צייט ער האָט דעמאָלט איבערגעלעבט: אָרעם, עלנט, געוואוינט ביי אַ לאַנדסמאַן אויפן פערטן פלאָר מיט נאָך אַ פּאָר באָרדערס, געאַרבעט לאַנגע שטונדן און פאַרדינט אַזוי ווייניק... אָבער מער פון אַלץ האָט אים געדריקט דער עלנט, די פרעמדקייט, די איינזאַמקייט... דעמאָלט איז אים טאָקע איינגעפאַלן צו גרינדן אַ לאַנדסמאַנשאַפט־פאַראיין. ער האָט זיך וועגן דעם דורכגערעדט מיטן לאַנדסמאַן ביי וועמען ער האָט גע־וואוינט, צוגעצויגן נאָך אַ פּאָר לאַנדסלייט, עס זיינען אַריבערגעקומען נייע „גרינע״, אָט אַזוי איז די סאָסייעטי געוואַקסן... כמעט אַלע וואָך האָט מען געהאַט מיטינגען. מען פלעגט זיך טרעפן, אויסריידן די האַר־צער איינע פאַר די אַנדערע, און בענקען צוזאַמען נאָך דער אַלטער היים... מ׳האָט פאַרבראַכט צוזאַמען אויף חתונות, בריתן, בר־מצוהס פון זייערע קינדער, ביי טעאַטער־בענעפיטס; מ׳האָט זיך געהאָלפן

אײנע די אַנדערע מיט ראַט און טאַט; אַרויפגענומען די נײ־אָנגעקומענע אויף „דזשאָבס״ — ס׳איז געװען אַ נאַענט, װאַרעם, היימיש לעבן...

און ער, משה בינדער, װי מען האָט אים דעמאָלט גערופן, האָט מיט דער סאָסייעטי געלעבט, געאָטעמט, באַגלייט כמעט אַלע אָמטן, קיינמאָל ניט פאַרפעלט צו קומען צו אַ מיטינג. די סאָסייעטי האָט אָװעקגענומען זיין עלנט, זיין איינזאַמקייט... ער װאָלט דעמאָלט ניט פאַרביטן די בעסטע אָפּערע פאַר אַ מיטינג פון זיין סאָסייעטי...

ער האָט חתונה געהאַט מיט לאה׳קען, זיין לאַנדסמיידל, װעלכע האָט דעמאָלט געאַרבעט מיט אים אין איין שאַפּ, ער אַלס אָפּרייטאָר, און זי אַלס פינישערין; ס׳זיינען געקומען אַ פּאָר קינדער, די פליכטן זיינען געװאָרן גרעסער, און די אַרבעט שװערער... האָט אים זיין „גרין״ װייבל, װאָס איז שוין גאָרניט געװען קיין „גרינע״, אָנגעהויבן אונטער־צוטרייבן ער זאָל װאָס גיכער װערן אויס אַרבעטער אין שאַפּ און נעמען עפּעס טאָן פאַר זיך... האָט מען אַריינגענומען אַ פּאָר מאַשינדלעך צו זיך אין דער ענגער װאוינונג, און ער איז געװאָרן אַ „קאָנטראַק־טאָר״... ס׳װייב האָט אים אונטערגעהאָלפן ביי דער אַרבעט; אַריינגע־נומען איין אַרבעטער, נאָכדעם אַ צװייטן, אַ דריטן, אַזוי כסדר... ס׳האָט אים אָפּגעגליקט, געװאָרן, װי מען זאָגט דאָ, „גוט אָפּ״, ביז ס׳האָט אים דערפירט צו אַ גאַר רייך און באַקװעמען לעבן...

זיין „גרין״ װייבל, די געװעזענע פינישערין, האָט שוין לאַנג פאַר־געסן אָן די „גרינע יאָרן״, רופט זיך ניט מער „לאהקע״ נאָר „עלע־נאָראַ״, האַלט זיך פאַר אַן אַמעריקאַנער „ליידי״ און פּאַדערט מער װי אַן אַמעריקאַנער געבוירענע... שפּילט אין קאָרטן מיט די װייבער װעמענס מענער האָבן זיך אויך אַרויפגעאַרבעט און װייסן ניט װאָס צו טאָן מיט זייער ליידיקער צייט, מחמת, מען האָט דינסטן װאָס טוען שוין פאַר זיי די אַרבעט אין הויז און אין קיך...

אַז זי האָט אַמאָל באַלאַנגט מיט אים אין איין לאַנדסמאַנשאַפט־סאָסייעטי און פלעגט גיין מיט אים צו יעדן מיטינג, האָט זי שוין לאַנג פאַרגעסן... און װאָס קען ער האָבן צו איר אַז ער אַליין איז שוין אויך יאָרן ניט געװען ביי אַ מיטינג פון זיין סאָסייעטי... אין די אָװנטן װאָס ער איז ניט פאַרנומען זיצט מען אויפן װייכן, באַקװעמען שטול און מען קוקט זיך צו צו די טעלעװיזשאָן־פּראָגראַמען און מען אַמוזירט זיך, אָדער מען באַזוכט פריינט פון אַ גאָר אַנדער געזעלשאַפט װאו מען שפּילט אַ „פּינאָקל״ אָדער מען רעדט װעגן געשעפטס־אַנגעלעגנהייטן...

אַז ער איז שוין אַ מאַן אין די יאָרן, אַז מען ווערט עלטער, מידער, דאָס איז אים אַפילו אויפן זינען ניט געקומען... ווער האָט צייט צו טראַכטן וועגן אַזעלכע זאַכן ?...

— — — — — — — — — — — — —

דער בריוו פון זיין סאָסייעטי, וואָס ער האָט איצט געהאַלטן אין האַנט מיטן גרויסן נומער: „40″, האָט אים אין גאַנצן אַרויסגעשלאָגן פון זיין גלייכגעוויכט און אים געמאַכט זיך צו פאַרטראַכטן:

„שוין פערציק יאָר אַוועק! הייסט עס, אַז ער האָט שוין אַריבער־געשפּאַנט די זעכציקער... איז ער דאָך טאַקע שוין באַלד אַן אַלטער מאַן! וואָס טוט זיך דאָ? וואו איז אַהינגעקומען די צייט? וואו זיינען אַהינגעקומען די יאָרן? ווי לאַנג איז עס דען אַז ער איז געזעסן אין שאַפּ ביים מאַשין און געדרייט די „קאַטערינקע″ — ווי מען האָט די מאַשין דעמאָלט גערופן — און געוואָרפן אויגן צו לאַהקע די פינישע־ריק, זיין איצטיקע ווייב, וואָס איז געווען אַ מיידל אַ ברען... איז עס אַלץ געווען אַ חלום? און אויב ניט קיין חלום, ווי טוט מען זיך דאָס אַזוי אַריין אין אַן אַנדער וועלט, אין אַן אַנדער לעבן, מיט אַן אַנדער געזעלשאַפט, און מען לאָזט אַלץ וואָס האָט געהאַט אַ שייכות מיטן פריערדיקן, מיטן אַלט־היימישן, און דאָאיקן לעבן, הינטער זיך?... ווי אַזוי איז דאָס געשען? וואָס איז געשען מיט אים?″...

— — — — — — — — — — — —

עלענאָראַ איז צו אים פּלוצלינג צוגעקומען און אויסגערופן:

— מאָריס, וואָס האָסטו זיך אַוועקגעזעצט און זיצט? פאַרוואָס טוסטו זיך ניט איבער? האָסט פאַרגעסן אַז מיר זיינען היינט איינ־געלאַדן צו די ראָסקינס? די קאַר וואַרט...

מאָריס האָט זיך אַ ריס געטאָן ווי פון שלאָף:

— האַ, וואָס זאָגסטו, לאַהקע? די ראָסקינס... די ראָסקינס... כ׳גיי ניט, לאַהקע, כ׳וועל גיין צום יובילעאום פון מיין פאַראיין...

עלענאָראַ האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן, ווי מען וואָלט זי אַ ביס געטאָן:

— וואָס פאַר אַ לאַהקע בין איך דיר מיטאַמאָל געוואָרן?... וואָס פאַר אַ פאַראיין?... וואָס פאַר אַ יובילעאום?... וואָס פּלאַפּלסטו, ביסט פון זינען אַרונטער?...

און וואָרפנדיק עפּעס אַזאַ מאָדנעם צעשראָקענעם בליק אויף איר פּלוצלונג „משוגע־געוואָרענעם″ מאַן, איז זי אַ דערצאָרנטע אַרויסגעלאָפן פון צימער...

# זומערביים ים

דעם גאַנצן זומער איז צווישן די עטלעכע פּרויען, חברטעס, וועלכע האָבן געוואוינט ביים ברעג ים, פאָרגעקומען אַ יאַגעניש, ווער וועמען עס וועט איבערשטייגן מיט ציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון יונגעלייט. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי ניט־צוניפגערעדטערהייט מאַכט יעדע איינע פון זיי די גרעסטע אָנשטרענגונגען צו געווינען פאַר זיך וואָס מער פאַרערער, ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט אום אַ „פּרייז", וואָס די אָדער יענע וועט קריגן, ווען זי וועט האָבן אויף איר „רעקאָרד" די גרעסערע טייל יונגעלייט.

די מענער פון די פרויען זיינען דעם גאַנצן טאָג געווען פאַרנומען אין שטאָט מיט ביזנעס, אָדער ביי זייער אַרבעט. און די פרויען, אויסגעפּוצטע אין זייערע קאָלירטע דורכזיכטיקע ביידינג־סוטס מיט די פיל־פאַרביקע ביידינג־היטעלעך אויף די „געבאַבטע" קעפּ, האָבן צוזאַמען מאַנירלעך אַרומגעשפּאַצירט ביים ברעג ים הין און צוריק און געזוכט מיט די בליקן באַקאַנטע יונגעלייט, מיט וועמען צו פאַרברענגען זייער צייט. שפּאַצירנדיק האָבן זיי צווישן זיך גערעדט הויך אויפן קול, געשטיפט, געלאַכט און אָנגעפילט די לופט מיט זייער טומל.

און האָט זיך באַוויזן אַ באַקאַנטער, זיינען זיי אַלע מיט אַמאָל אים באַפאַלן ווי בינען... זיך אַרום אים געדרייט און געמאַכט פאַרשיידענע חנדלעך. יעדע איינע האָט אים געוואָלט געווינען פאַר זיך, אַריבערציען אים אויף איר זייט. האָט מען צו אים געוואונקען איבער דער צווייטערס פּלייצע, געמאַכט מיט די הענט, געבליצט מיט די אויגן, געסמאַצקעט מיט די ליפּן, אויסגענוצט יעדע פרויען־געווער דער „קאָנקורענטקע" צו באַזיגן...

און איז איינער פון זיי געלונגען דעם יונגנמאַן אַריבערצוציען אויף איר זייט, האָבן זיך די איבעריקע „פריינדינס" געפילט שרעקלעך אַנטוישט. מיט פאַרדראָסיקע און אייפערזיכטיקע געפילן פלעגן זיי דאַן, שטילע און אומעטיקע, אָפּטרעטן און זיך אַוועקלאָזן זוכן טרייסט ביי זייערע פיצלעך קינדער, וועלכע זיינען געלעגן אין די קערעדזשעס נאָענט ביים ים, באַוואַכט פון די ווייסע און שוואַרצע דינסטן.

מיט אַ דערשלאָגן געמיט פון זייער דורכפאַל דאָרטן ביים יונגנ־

מאַן, נעמט מען אַרויס די קינדער פון די וויגעלעך און מען האַלט זיי אַ ווײַלע אויף די הענט און מען גיט עס צוריק איבער צו די דינסטן, און מען לאָזט זיך ווידער אַוועק ערגעץ זוכן נײַע באַגעגענישן.

אין אָוונט, ווען די מענער קומען מידע און פאַרשוויצטע פון הייסן ברענענדיקן טאָג אין שטאָט, געפינען זיי שוין זייערע ווײַבער אויסגעפוצט „אין עסיק און אין האָניק", פריילעכע, אויסגעבאָדענע, מיט פון־זון־פאַרברוינטע געזיכטער, פון וועלכע עס שפּראָצט מיט לעבן און ענערגיע. דאָס גאַנצע וועזן זייערס איז אײַנגעוויקלט אין זייד און אין פאַרשיידענע באַפּוצונגען, און די אָפּגערוטע קערפּערס שטאַרצן דורכזיכטיק און פול־בלוטיק אַרויס מיט תאוותדיקער פרייד און שטורעמדיקע פאַרלאַנגען פאַר „עפּעס נאָך", וואָס זאָל דערפילן די רעשט פון זייער גרויסן לײַדיקן טאָג.

בײַם סאַפּער זיצן די מענער שטילע און אַ ביסל צעטומלט... זיי זײַנען נאָך ניט באַרואיקט, ווער פון די אָנשטרענגונגען אין די ביזנעס, ווער פון די פּראָפעשאָנעל־אַרבעט, ווער פון די לאָיער־דריידלעך אין די קאָורטס. אין מוח רוישט און זשומעט נאָך. אַ חוץ דעם איז מען נאָך מיד פון „דרײַוון" אַזאַ ווײַטע שטרעקע די מאַ־שינדלעך, ווײַל האַלטן אַ שאָופער קען מען זיך נאָך אַלץ ניט פאַר־גינען און פאָרן מיט דער קאַר אָדער מיטן טרייך, ווען מען האָט אַן אייגענע מאַשין, קען מען אַוודאי ניט. ערשטנס, זעט עס ניט אויס שיין, און צווייטנס, גיי שטיק זיך אין די „ביזי"־שטונדן צוזאַמען מיטן פּשוטן עולם, מיט דער מאַסע! אַ שיינעם פּנים וועלן זיי האָבן אײַנע פאַר די אַנדערע...

טרײַבט מען אַליין די מאַשינדלעך און מען יאָגט פון זיך אַרויס די נשמה, וואָס־שנעלער צו קומען צו זייערע געטרײַע ווײַבעלעך... ווערט מען אָפּגעגאָסן מיט שווייס... ס'איז אָבער אַלץ ווערט, מען פאָרט דאָך אַרײַן ניט ווי די שלעפּערס צופוס, נאָר מיט די מאַשינען, וועלכע מען לאָזט שטיין אינדרויסן.

אין האָטעל בײַם סאַפּער זיצן די מענער בײַ די טישן אויס־געמאַטערטע, שטילע, און הונגעריקע... און זייערע פרויען קערן בײַם עסן איבער אַ וועלט... מען רעדט, מען שטיפט, מען לאַכט און מען ווינקט זיך איבער מיט באַקאַנטע יונגעלײַט. יעדע ווײַלע רופט אײַנע אָדער די צווייטע צו די ווײַסע אָדער די שוואַרצע דינסט

און באַפעלט איר עפּעס צו דערלאַנגען, כאָטש עס איז איר גאָר ניט נויטיק. מען וויל אָבער ווייזן פאַרן עולם, אַז מען האָט דינסטן...

נאָכן סאַפּער הויבט זיך ערשט ביי די פרויען אָן דאָס אמת'ע לעבן. כמעט יעדן אָוונט איז ביי איינער פון זיי אַראַנזשירט אַ „דענס", וואו אַלע פון דער גרופּע פרויען און זייטיקע געסט קומען אויס־געפּוצטע אין די שענסטע און רייכסטע קליידער.

די פרויען טאַנצן אַמבעסטן מיט פרעמדע יונגעלייט, ווייל די מענער זייערע זיינען מיד. און עס וואָלט איבערהויפּט ניט געלוינט די גאַנצע אָנשטרענגונג און צוגרייטונג פונעם אָוונט, ווען זיי זאָל אויסקומען צו טאַנצן און פאַרברענגען מיט די אייגענע מענער...

די „אייגענע" מענער מוזן זיך דעריבער צופרידנשטעלן מיט קוקן, און רעדן צווישן זיך אָדער אויסרעדן עטלעכע ווערטער מיט אַ צווייטנס פרוי. זיי וואָלטן אַפילו געקענט מיט זיי טאַנצן אויך, אָבער זיי ווילן בעסער רוען. ווען זיי וואָלטן נאָר געהאָט די מעגלעכ־קייט צו זיצן אין דער היים און שפּילן אַ פּינאַקל, אָדער זיך אַ ביסל דורכגיין צום ים, וואָלטן זיי שוין גאָר צופרידן געווען. האָבן זיי אָבער זייערע פרויען געצוואונגען מיט זיי מיטצוגיין „פאַרברענגען". פאַר מאַנכע פון די מענער איז עס פּשוט אַן אָפּקומעניש.

פון ציים צו צייט רייסן זיך אַ פּאָר פון די פרויען אָפּ פונעם טאַנצן פאַרשוויצטע און מיט תאוודיק־צעפלאַמטע געזיכטער לויפן זיי צו צו זייערע מענער און זאָגן:

— וואָס זיצט איר ווי די נעבעכיקע? קומט טאַנצן!

אַ זאָג געטאָן פון יוצא־וועגן די עטלעכע ווערטער, און זיך גלייך צוריק אַריינגעוואָרפן אין טאַנץ מיט ווילדן און ליידנשאַפטלעכן ברען...

דאָס ערגסטע פאַר די מענער איז ערשט נאָכן טאַנץ, ווען די פרויען, צעהיצטע פונעם טאַנצן, פאָדערן אַז זיי זאָלן זיי אויסנעמען פאַר אַ „מאַשין־ראַיד", זיך אַ ביסל אָפּצוקילן... די מענער ווערן פאַרביטערט... זיי וואָלטן זיך גאָר געוואָלט שוין לייגן אַ ביסל אָפּרוען. עס העלפט אָבער ניט. אַז ווייבער באַפעלן, מוז מען פאָלגן.

זיצן די מענער אין פראָנט פון דער קאַר און טרייבן פון זיך די נשמה, און די פרויען מיט די יונגעלייט זיצן באַקוועם אויף די הינטערשטע ווייכע סיטס און פאַרברענגען אויף אַ פריילעכן שטייגער, לאַכן, שטיפן און זינגען.

אָט אַזוי פאַרברענגען פרויען און מענער זומער ביים ים...

# „סטאַק"

ווען ברעגמאַן פלעגט אַריינגעמען אַ צייטונג אין האַנט און בלע־טערנדיק דערזען די קליינע ציפערלעך און פּאַסיקלעך, וועלכע האָבן אַנגעוויזן ווי עס האַלט אויפן „סטאַק־עקטשענדזש", פלעגט ער ווערן אַן אַנגעצונדענער אויף דער צייטונג וואָס גיט אַוועק אַזוי פיל פּלאַץ פאַר אָט די קליינע ציפערלעך, וואָס ניט ער ווייסט צו וואָס מען באַ־דאַרפט זיי, ניט ער פאַרשטייט זייער באַדייטונג.

„וואָס הייסט, — האָט ער זיך ניט איינמאָל געקאָכט — די צײ־טונג נעמט און רייסט אָפּ פונעם לעזער גוטע אַרטיקלען, וועלכע ער האָט הנאה צו לעזן און פילט אויס דעם פּלאַץ מיט אַזעלכע אומוויכ־טיקע ציפערלעך מיט פּאַסיקלעך, וואָס ער איז זיכער, אַז קיינער באַדאַרף עס ניט און מען קוקט זיך אפילו אויף דעם ניט אום."

ברעגמאַן האָט אַפילו עטלעכע מאָל אַריינגעשיקט בריוולעך אין רעדאַקציע, אין וועלכע ער האָט געבעטן ביים רעדאַקטאָר מען זאָל „סטאַפּן" דרוקן אָט די „אַנאַנסן". ס'האָט אָבער ניט געהאָלפן. און ער האָט זיך מער מיט דעם ניט „געבאַדערט". דערזען די ציפערלעך, האָט ער מיט כעס אַ מיש איבער געטאָן דעם בלאַט און זיך מער אויף דעם ניט אומגעקוקט.

* * *

איינמאָל האָט ברעגמאַן געקראָגן אַ בריוו אַדרעסירט אויף זיין נאָמען פון אַן אָפיס אַזש פון בראָדוויי, וואו מען לאָזט אים וויסן, אַז ניט אַנדערש נאָר ער זאָל קויפן אַזוי שנעל ווי מעגלעך דעם „סטאַק בי", וועלכער קאָסט איצט צוויי און דרייסיק דאָלאַר אַ שער, אָבער וועט אין קורצן, אַן צווייפל, אַרויף ביז אַכציק דאָלאַר אַ שער... דערביי זיינען געווען אויסגערעכנט גאַנצע רייען מיט ציפערלעך און פּאַסיקלעך פון נאָך פילע אַנדערע סטאַק, פון וועלכע מען קען רייך ווערן אין אַ גאַנץ קורצער צייט.

אָנפאַנגס האָט עס אין ברעגמאַנען אַ קאָך געטאָן, וואָס זיי האָבן אַפילו אויסגעפונען זיין פּריוואַטן אַדרעס און מען מוטשעט אים שוין מיט די ציפערלעך אַפילו דורך בריוו, נאָר אַזוי ווי עס איז בלויז געווען אַ בריוו און ניט קיין צייטונג, האָט ער אין דעם אַריינגעקוקט. און ווען עס האָט אַ שלאָג געטאָן פאַר זיינע אויגן דאָס וואָרט ר י י ך איז ער געוואָרן פאַראינטערעסירט.

ברעגמאַן איז ס'גאַנצע לעבן געווען אַ איד אַ קבצן. געווען פאַר־

הייראַט, געהאַט אַ פּאָר קינדער, שווער געאַרבעט צו מאַכן אַ לעבן און קיינמאָל גאָרניט פאַרמאָגט, ווייל ער האָט מער אין זינען געהאַט די „פייפּערס״ ווי די אַרבעט. אַפּילו געלערנט ענגליש און געדענקט צו עפּעס צוצוקומען און אויפגעהערט. געבליבן שטיין אָן אַ זייט צו וואָס ער האָט זיך נאָר גענומען. אַפּילו אין שאַפּ, וואו ער האָט געאַרבעט, אין זיין יוניאָן, אין זיין לאָדזש, וואו ער האָט באַלאַנגט, איז ער גע־שטאַנען אָן אַ זייט... געווען אַ זייטיקער אַפּילו אין זיין אייגענער היים, ביי זיין אייגענער פרוי און קינדער... קיינמאָל האָט ער צו עפּעס ניט דערגרייכט און קיינמאָל האָט ער זיך צו עפּעס ניט גע־קענט דערשלאָגן.

מיט דעם וואָרט „ר י י ך״ פאַר זיינע אויגן האָט אין אים אויפ־געלעבט אַ געדאַנק, אַז רייכקייט וואָלט אים ענדלעך געשטעלט אויף די פיס. אמת, ער יאָגט זיך ניט נאָך רייכקייט, אָבער עפּעס וואָלט ער באַקומען אַ ווערט, זיין „פּרעסטיזש״ וואָלט זיך געהויבן, אַז ער האָט ניט מיט וואָס עפּעס אַנדערש זיך אויסצוצייכענען טאָ זאָל זיין מיט רייכקייט...

זייט דאַן האָט ער זיך אָנגעהויבן צוצוקוקן צו די ציפערלעך אַפּילו אין דער צייטונג וואָס ער האָט יעדן טאָג געלייענט. געזוכט צו דערגיין דעם סוד פון אָט די פערטל און אַכטל פאַסעקלעך, וואָס איין טאָג איז עס אַזוי און דעם צווייטן טאָג אַנדערש. איין טאָג מער און איין טאָג ווייניקער, איין טאָג פאַלט עס און איין טאָג הויבט זיך עס.

איבערהויפּט האָט ער זיך גענומען צוצוקוקן צו דעם „סטאַק בי״, וועגן וועלכן מען האָט צו אים גערעדט אין בריוו, וואָס מען האָט צו אים געשיקט פון בראָדוויי. און ביסלעכווייז איז ער דערגאַנגען דעם שכל ווי אַזוי מען דאַרף אַ „סטאַק״ „היטן״, און אים טאַקע אָפּגעהיט מיט אַלע זיינע חושים, ווי מען היט אָפּ אַ קינד ווען עס הויבט זיך ערשט אָן צו לערנען גיין...

ברעגמאַן איז אַזוי פאַרקאָכט געוואָרן אינעם „סטאַק בי״, אַז ער איז אים אַ מינוט פון זינען ניט אַרויס. באַלד אין דערפרי, ווי ער האָט נאָר געעפנט די צייטונג, האָט ער שוין אָנגעהויבן צו זוכן צווישן די סטאַק־ציפערלעך אויסצוגעפינען ווי עס האַלט מיטן „סטאַק בי״. און דעם גאַנצן טאָג ביי דער אַרבעט האָט אים געשוועבט פאַר די אויגן איין גרויסער „בי״.

אין אָוונט, פאַרנדיק צוריק פון דער אַרבעט, האָט ער ניט אַרונ־

טערגענומען זיינע אויגן פון דער אָוונט־צייטונג, וואו עס איז געווען באַריכטעט ווי עס האַלט מיט די סטאַקס, איבערהויפּט מיטן „סטאַק בי״.

און ווען ברעגמאַן האָט איין מאָל באַמערקט, אַז דער „סטאַק בי״ האָט זיך ווירקלעך אַ הויב־געטאָן אויף צען פּאָינטס, אַז ער האָלט שוין ביי צוויי און פערציק, איז ער געבליבן אַ פאַרציטערטער פון פרייד. אויף אַזאַ געווינס אין אַזאַ קורצער צייט האָט ער זיך גאָר ניט פאָרגעשטעלט...

זיצנדיק שטענדיק און זיך גריבלענדיק אין די ציפערלעך, נאָכ־פאָלגנדיק די פרייזן פון „זיין״ סטאַק, האָט זיך ביסלעכווייז אין אים גענומען „איינלעבן״ אַ געפיל, אַז ער באַזיצט גאָר, גאָר אַ גרויסע צאָל שערס פון אָט דעם „סטאַק בי״ און, אַז די פאַרדינסטן זיינען שוין אַזוי געשטיגן, אַז ער מעג זיך שוין פאַרגינען צו „קויפן״ נאָך אַ „סטאַק״, ווי, למשל, דער סטאַק א. ט., וואָס הויבט זיך מיט יעדן טאָג. האָט ער ניט לאַנג געטראַכט און „געאָרדערט״ (פאַרשטייט זיך, אין געדאַנק) אַ גרעסערע צאָל שערס פון אָט דעם סטאַק.

איצט איז ברעגמאַן געוואָרן נאָך מער „ביזי״, ווייל ער האָט שוין געהאַט צוויי „פאַרשיידענע״ סטאַקס, וועלכע ער האָט באַדאַרפט „היטן״. איז ער טאַקע געזעסן גאַנצע אָוונטן אין דער היים פאַרלייגט מיט גאַנצע „שקאַדראָנעס״ פּייפּערס אַרום זיך און ניט אַרויסגענומען די אויגן פון די קליינע ציפערלעך און זיין פּנים האָט געלויכטן פון שמחה, באַמערקנדיק ווי ביידע סטאַקס גייען מיט יעדן טאָג אַרויף...

ווען זיין ווייב אָדער אַ קינד האָט צו אים גערעדט, אָדער אים עפּעס געפרעגט, האָט ער פּשוט ניט געהערט וואָס מען רעדט צו אים. ערשט ווען זיין גיטל פלעגט אויף אים אַרויספאַלן מיט אַ געוואַלט, פאַר־וואָס ער איז די לעצטע צייט אַזוי פאַרטאָן אין די פּייפּערס, אַז ער הערט אַפילו ניט וואָס מען רעדט צו אים, פלעגט ער אויפהויבן שטאָלץ דעם קאָפּ און צו איר אַראָפּקוקן מיט אַזאַ מאָדנעם שמייכעלע, ווי ער וואָלט זאָגן:

„אידענע, וואָס שרייסטו! באַלד, באַלד, וועל איך דיך איבעראַשן. דו ווייסט ווי רייך מיר ווערן... ס׳וועט באַלד זיין אויס שאַפּ, אויס אַרבעט, אויס מעדיסאָן סטריט, וועסט שוין זען!...״

און ברעגמאַן איז טאַקע אין דער אמתן געוואָרן ביי זיך גע־הויבענער. אָנגעפאַנגען אַנדערש צו רעדן מיט מענטשן, דערביי אַרויסגעוויזן זיין באַקאַנטשאַפט מיטן סטאַק־מאַרקעט. גערעדט פון די ווערטן פון דעם אָדער יענעם סטאַק און וויפל טויזנטער עס שטייט אין דעם צו פאַרדינען... דערביי געמאַכט דעם איינדרוק, אַז ער

איז אויך ניט פרעמד פון דער „געים", און נאָך ווי?... אין שאָפּ, אין לאָדזש און צווישן זיינע באַקאַנטע האָט מען זיך געחידושט וואָס ער האָט מיט אַמאָל באַקומען אַזאַ ידיעה אַט אין די זאַכן און מען האָט אים אין דער שטיל געגומען חושד זיין, אַז ער איז שוין גאָרניט אַזאַ אָרימאַן ווי זיי האָבן געדענקט, און מען האָט זיך צו אים אָנגעהויבן גאָר אַנדערש צו פאַרהאַלטן...

* * *

ווען ברעגמאַן איז שוין געשטאַנען אויף אַ גאָר „הויכן" שטאַפּל פון „זיין גלענצענדער" קאַריערע, זיינעביידע סטאַקס האָבן זיך אויף אַזוי פיל געהויבן, אַז ער האָט שוין „פאַרמאָגט" שווערע טויזנטער, איז מיט אַמאָל, ווי פון קלאָרן, לויטערן הימל, אָנגעקומען דער גרויסער קראַך אין וואָל סטריט אויפן סטאָק מאַרקעט און ברעגמאַנס „פאַרמעגן" איז מיט אַמאָל אָפּגעווישט געוואָרן...

ברעגמאַן האָט דערפילט, ווי מען וואָלט אים אַראָפּגעוואָרפן פון אַלע זיבן הימלען. ער האָט זיך נאָך ניט דערלעבט רעכט אָנצואואַרעמען אין זיינע „טויזנטער" און שוין, ער איז שוין ווידער אַ קבצן... אויף אַזאַ גיכער מפּלה האָט ער זיך ניט גערעכט.

ער איז אַרומגעגאַנגען ווי אָן אַ קאָפּ... יעדן מאָל וואָס ער האָט אַ נעם געטאָן אַ צייטונג און באַמערקט ווי „זיין" סטאָק פאַלט, איז אים איינגעפאַלן דאָס האַרץ. ער איז געוואָרן שוואַרץ ווי די ערד, און ס'איז געווען אַ רחמנות אויף אים צו קוקן...

זיינע פריינט און באַקאַנטע האָבן ניט אַנדערש געגלויבט, באַמערקנדיק זיין אויסזען, אַז ער האָט ווירקלעך פאַרלוירן אַ סך געלט... אַפילו זיין ווייב האָט אָנגעהויבן צו גלויבן, ווערליק ווי ער נעמט זיך צום האַרצן, אַז ער האָט ערגעץ שטילערהייט געהאַט באַהאַלטענע קניפּלעך מיט געלט, וועלכע ער האָט געפּטרט אויף די סטאַקס, און זי מיט די קינדער זיינען די גאַנצע צייט געוואָרן אויסגעריסן, זי איז אַרומגעגאַנגען אָן אַ קליידל אויפן לייב און די קינדער אָן שיכלעך.

— מערדער! גזלן! וואָס האָסטו צו אונדז געהאַט? האָסט דאָך אונדז געקוילעט אָן אַ מעסער! — האָט גיטל אויף אים געשריען און געיאָמערט.

ברעגמאַן איז געשטאַנען אַ דערשלאָגענער, אַ צעטומלטער, און זיך אַפילו ניט געקענט פאַרענטפערן.

אַז ס'איז ניט באַשערט רייך צו ווערן...

# אַ נייע הויז

די פינף־פּלאָריקע הויז האָט זיך נאָר־וואָס פאַרענדיקט בויען. אין און אַרום הויז האָט געבלאַנקט מיט נייקייט און מיט ריינקייט. דאָס נייע שטיק „סאַידוואָק" פאַרן הויז איז נאָך געווען גלאַט און פאַרהאַרטעוועט ווי אַ גליטש. קיין קינדער האָבן זיך נאָך אויף דעם ניט געשפּילט, ניט פאַרשמירט, און ניט פאַרפאַרבט מיט ווייסע צייכנס... קיין קינדער־קערעדזשעס האָבן נאָך ניט פאַרשטעלט דעם אַריינגאַנג, און די ווייבער זיינען נאָך ניט געזעסן אויפן „סטופּ" און גערעדט.

ס'איז געווען שטיל און פּוסט אין די נאָך־ניט־באַוואוינטע צימערן. ס'האָבן נאָך אינעם הויז ניט געאָטעמט קיין לעבנס, ניט קיין לאַנג־געלעבטע, און ניט קיין ניי־געבוירענע. עס איז נאָך פאַר זיי, פאַר די צימערן, אַליין ניט קלאָר געווען זייער מזל, ווער און וואָס פאַר אַ מענטשן עס וועלן אין זיי וואוינען. וואָס פאַר אַ פריידן, אָדער טרויער, עס וועלן מיטברענגען מיט זיך די מענטשן, וועלכע וועלן זיך אין זיי אַריינציִען...

איז געווען זון, האָבן זיך די שטראַלן געשפּילט אויף די ליידיקע ווענט. זיינען די צימערן באַגאָסן געוואָרן מיט ליכטיקייט, מיט דרויסנדיקן לעבן און שיין... די פענצטער האָבן פון דער הויך אַריבערגעקוקט איבער דער ווייטער גאַס; און די נייע שויבן האָבן זיך געשפּיגלט אַנטקעגן דער וואַרימער זון... איז געווען רעגן, האָט זיך טונקלקייט און מרה־שחורה פאַרקליבן אין אַלע ווינקעלעך... האָבן שאָטנס זיך געשוואַרצט איבער די ליידיקע ווענט און אויפן „סילינג", האָבן די צימערן אויסגעוויזן, ווי שטומע, אָפּגעשלאָסענע קברים פאַרטיפט אין בית־עולמדיקן שוויגן... — — —

ביסלעכוויז האָבן די צימערן אָנגעהויבן זיך אָנצופילן. גרויסע „מואווינג"־וועגענער האָבן זיך אָפט אָפּגעשטעלט ביים הויז, און הויכע, שטאַרקע מענער האָבן מיט טאַקט און איבערלייגונג גענומען אַרויסשלעפּן די פוירניטשור פונעם פולן אָנגעפּאַקטן וואָגן, אונטערשפּאַרנדיק זייערע פעסטע, געזונטע פּלייצעס, און האַלב־איינגעבויגענע, זיך ברעכנדיק אונטער דער שווערער לאַסט, זיך גענומען אַרויפהויבן צו די נידעריקע און העכערע פלאָרס.

אַמאָל איז די פוירניטשור באַשטאַנען פון אַ בעסערן און רייכערן

סאַרט. מען האָט געקענט באַמערקן אויף זיי דעם באַלעבאַטישן גלאַנץ, דעם שטאָלצן, אָנגעצויגענעם קאָסטבאַרן „מאַהאָגאַני”, מיט די פאַרשיידענע אויסגעשניצטע און אויסגעפורעמטע דריידלעך... שטאַרק, און פעסט מיט שטאָלצער זיכערקייט אויף אַ לענגערן עקזיסטענץ...

אַזוינע טייערע פּוירניטשור פלעגן געוויינלעך פאַרנעמען די ערשטע און צווייטע פלאָרס צו די פראָנט... מיט אַזוינע זאַכן פלעגן די טרעגער ביים אַרויפטראָגן זיך שטאַרק היטן... געהאַט דרך־ארץ פאַר זיי... פלעגן אַרונטערנעמען יעדע שטיקל באַזונדער, אונטערבעטן מיט ווייכע זאַכן, עס זאָל זיך ביים טראָגן אָן עפּעס ניט אָנרייבן...

מערערע מאָל איז אָבער די פּוירניטשור באַשטאַנען פון פּראָסטע, אָפּגעריבענע, אַלטע שטיקער מעבל, שוין לאַנג פון „סטייל” אַרויס־געגאַנגענע. פון אַזוינע זאַכן האָט אַראָפּגעווייעט די אָרעמקייט, די ניט־זיכערקייט אויף דויערהאַפטיקייט... זיי האָבן אויסגעוויזן ווי זיי וואָלטן זיך שעמען פאַר זיך אַליין...

מיט אַזוינע פּוירניטשור פלעגן זיך די טרעגער ניט פיל צערע־מאָניען. אַרונטערגענומען אַלץ מיט אַמאָל, און איינס, צוויי, אַרויפ־געטאַשטשעט אויף די העכסטע פלאָרס.

איבער די פענצטער האָבן זיך דאָ און דאָרט גענומען באַווייזן ווייסע פאַרהאַנגלעך, און פאַרשיידן־פאַרביקע אַריבערהענגענדיקע לאַנגע קוירטענס. אין אָוונט, האָבן דורך די ווייסע פאַרהאַנגלעך און דורך די קוירטענס דורכגעשלאָגן עלעקטרישע לעמפּלעך, וועלכע האָבן מיט זייער שיין געגעבן צו וויסן, אַז דאָרט, אין יענע צימערן, לעבן שוין מענטשן זייערע לעבנס, יעדער אויף אַ באַזונדערן שטייגער... יעדער צימער איז אַ וועלט פאַר זיך, אַן אָפּגעזונדערטע, אַ פאַרבאָרגענע, און אַ פאַרשלאָסענע פון לייטנס אויגן.

אין די פרימאָרגנס, האָבן מילך־וועגענער זיך שוין אָפּגעשטעלט פאַרן הויז, און די „דרייווערס” זיינען אַרומגעשפּרונגען פון איין פלאָר אויפן אַנדערן, אַוועקשטעלנדיק באַטלעך מיט מילך פאַר די טירן פון די נייע שכנים.

פרימאָרגן, זיינען מענער און פרויען דורכגעלאָפן איילנדיק איבער די נייע גלאַטע שטיגן צו דער אַרבעט.

עטלעכע מינוטן צו זיבן, זיינען געוויינלעך געלאָפן די פיר־און פינף־פלאָריקע צו דער אַרבעט די שאַפּ־אַרבעטער. מאַנכע פון

זיי האָבן געטראָגן פאַרבונדענע פעקלעך אין די הענט דעם „לאָנטש" זייערן, וואָס די פרויען האָבן פאַר זיי צוגעגרייט.

אַכט אַזייגער, האָבן זיך באַוויזן די „האַלב־פּראָפעשאָנעלס", ווי אינשורענס־אַגענטן, סיילסלייט, בוך־קיפּערס, טאַיפּרייטערקעס, סיילס־לײדיס, סטענאָגראַפיסטקעס. אָם מערסטן פון דריטן פלאָר.

ניין אַזייגער, האָבן מיט שטאָלץ און מיט ווירדע געגומען אַרונטערשפּאַצירן, פון צווייטן און ערשטן פלאָר צו די פראָנט, די „אמת׳ע" פּראָפעשאָנעלס — יונגע, ניט־לאַנג געענדיקטע דענטיסטן, יונגע לאָיערס, וואָס האָבן נאָך ווייניק קליענטן, „ביזנעס פּיפּל", פון דעם סאָרט וואָס מאַכן אַ לעבן פון וואָס עס לאָזט זיך, און אויך שאַפּ־באַלעבאַטים, וועלכע האָפן מיט דער צייט צו ווערן „דזשאָבבערס".

בלויז דער יונגער דאָקטער, וואָס האָט געוואוינט אין קאָרנער „דאַן־סטערז", און דאָרטן אויך געהאַלטן זיין אָפיס, פלעגט בלייבן זיצן אין דער היים, וואַרטנדיק אויף פּאַציענטן.

אַרום צוועלף בייטאָג, פלעגן זיך אָנהויבן באַווייזן די פרויען מיט די קינדער־קערעדזשעס, און פּונקט ווי עס איז געווען אַן אונ־טערשייד אין די פוירניטשור און אין די רומס, מיט די „פלאָרס", אַזוי האָט זיך דער אונטערשייד געלאָזט מערקן אין די פרויען־גאַנגען, און פרויען־קליידער, און קינדער־קערעדזשעס.

די פרויען פון צווייטן און ערשטן פלאָר צו די פראָנט, פלעגן אַרויסקומען אויסגעפּוצטע, אָפּגעפּאַרבטע, מיט רויטע ליפּעלעך, וואָס זיי האָבן געמאַכט מיט די „ליפּ־סטיקס". זייער גאַנג איז געווען וואַזשנע, ווירדיק, מיט שטאָלצע, אויפגעהויבע קעפּ... און די קערעדזשעס, וועלכע זיי האָבן געפירט, זיינען געווען קאָסטבאַרע און רייך־אויסזעענדיקע, ווי זייער פוירניטשור.

די פרויען פון פערטן און פינפטן פלאָר האָט מען אויך געקאָנט דערקענען נאָך זייער גאַנג, נאָך די קליידער, און זייערע קינדער־קערעדזשעס...

דער קאָנטראַסט פלעגט זיך אַמשאַרפסטן אַרויסזען, ווען אָט־די ביידע סאָרטן פרויען פלעגן זיך צופעליק באַגעגענען פאַרן הויז... פון איין זייט, פרויען אויסגעפּוצטע, באַפּאַרבטע, און שטאָלץ־אָנגעבלאָזענע; און פון דער צווייטער, פּשוטע אַרבעטער־פרויען, פאַרהאָרעוועטע און מידע. פון איין זייט, קינדער־קערעדזשעס רייך־אויסזעענדיקע, פון דער צווייטער — געוויינלעכע, פאַראָרעמטע, אַבי

דאָס קינד זאָל האָבן וואו דאָס קעפּעלע אַוועקצולייגן. אַזוי איז אויך געווען מיט די קינדערשע גאַנגען.

איז אַזוי אויסגעקומען, אַז אַרום דעם הויז האָבן זיך פון זיך אַליין געבילדעט צוויי צדדים: די ערשטע און צווייטע פלאַריקע פון איין זייט הויז, די פערטע און פינפטע פלאַריקע אין צווייטן זייט הויז, מיט די דריטע פלאַריקע אין מיטן...

יעדע זייט האָט זיך געהאַט איר באַזונדערע גרופּע. איינע מיט די אַנדערע האָט זיך ניט געמישט, מען האָט איינע צו די אַנדערע ניט גערעדט, און אויסגעמיטן איינע די אַנדערע צו באַגעגענען...

די ערשטע און צווייטע פלאַריקע האָבן געקוקט אויף די אַנדערע פון אויבן אַראָפּ, פון זיך געבלאָזן; די פערטע און פינפטע פלאַריקע האָבן אינגאַנצן אַוועקגעקוקט אָן אַ זייט, אינגאַנצן איגנאָרירט די אַריסטאָקראַטן. און די דריטע פלאַריקע האָבן געקוקט אַמאָל אַהער, אַמאָל אַהין — ניט געוואוסט אַוואו זיך אָנצוהענגען, זיינען זיי געבליבן אין דער לופטן...

בלויז די קינדער האָבן צווישן זיך געהאַנדלט „דעמאָקראַטיש". זיי זיינען צוזאַמען געגאַנגען אין דער אַנטקעגנדיקער סקול, צוזאַמען געלערנט, אַרומגעלאָפן, געשפּילט, געשטיפט, געלאַכט... די מאַמעס פון ביידע צדדים זיינען פון דעם ניט שטאַרק צופרידן געווען. זיי האָבן זיך אָבער ניט געקענט העלפן. קינדער זיינען קינדער, און די קינדער־שטיפעריען זיינען ביי זיי טייערער פון זייערע אייגענע פאַרלאַנגען...

אָט אַזוי איז די נייע הויז, וואָס איז, אַ קורצע צייט נאָכדעם ווי זי איז פאַרטיק געוואָרן, געשטאַנען אַ רואיקע, אַ פרידלעכע, געוואָרן דאָס אָרט פון קנאה־ און שנאה־געפילן פון איין שכן צום אַנדערן, מיט פאַרשיידענערליי צדדים, גרופּעס, אָפּטיילונגען, אין און אַרום איר...

## נאָך דער חתונה

יעדן אָוונט, באַלד ווי ראַלף, אַ צוואַנציק־יאָריקער יונגערמאַנטשיק, פלעגט נאָר אַוועקלייגן די לעפל פון האַנט ענדיקנדיק דעם סאַפּער, פלעגט ער אַ כאַפּ טאָן דאָס רעקל, עס שנעל אָנטאָן און זיך לאָזן אין וועג אַריין.

ביי טאַטע־מאַמע איז זייער באַיס „לויפן" קיין נייס ניט געווען. זיי האָבן געוואוסט, אַז דאָס לויפט ער צו זיין מיידל, אָדער ווי ער רופט זי:

„סוויטהאַרט" — „זיסע האַרץ" הייסט עס. נו, מילא, זאָל ער זי רופן ווי ער וויל. זאָל זיין זיסע, זאָל זיין ביטערע, וואָס גייט עס זי אָן, אַז דער שידוך געפעלט זיי סיי ווי סיי ניט. ס'מיידל אַליין, ווי זי הייסט דאָרטן, פלאָרענס, וואָלט זיי שוין אפשר געפעלן, כאָטש זי איז אויך אַ טריפהנער ביין: הויבט ניט אָן צו וויסן וואָס אידישקייט איז. אָבער זי, די מוטער, וואָלט שוין ווי עס איז געמאַכט פון איר אַ אידישע טאָכטער. אמת, ס'וואָלט איר אַביסל שווער געווען, ווייל יענע פאַרשטייט אַפילו ניט קיין אידיש, אָבער זי וואָלט מיט איר, מיט איר שנור הייסט עס, זיך אויפגערעדט, איר אָנגעוויזן וואָס זי מעג און וואָס זי מעג ניט טאָן. אפשר וואָלט זי איר יאָ, אָדער ניט געפאָלגט, זי וואָלט געטאָן אירס.

שלעכט איז נאָר מיט אירע עלטערן. זיי זיינען דאָך אמתע גויים. שבת איז ביי זיי קיין שבת ניט, און יום־טוב איז ביי זיין קיין יום־טוב ניט און מען עסט דאָרט, ווי זי האָט געהערט, טרפות. דאָס איז דאָך הימל־שרייענדיק. ווי קומען יענע טרפהנע ביינער צו זיין זייערע מחותנים! וואָס האָט דאָס זונדל זייערס געוואָלט פון זיי!

די גאַנצע צייט וואָס זיי זיינען אין אַמעריקע פירן זיי זיך ווי אין דער אַלטער היים, ס'הייסט ווי אידן. ס'איז ביי זיי אַן אמת אידישע הויז, מיט שבת און יום־טוב, מיט אַלע אידישע מנהגים. אַפילו מיט די פרומע אידישע ניגונים ביים טיש. שבתים און יום־טובים איז ביי זיי פאַרמאַכט דאָס געשעפט. און גאָט צו דאַנקען! דער אויבערשטער האָט זיי שטענדיק געהאָלפן. זיי מאַכן מיט גאָטס הילף אַ לעבן.

קומט אַ שבת, אַ יום־טוב, איז צו זייער גליק גאָר קיין שיעור ניטאָ. די קינדער זעצן זיך אַלע אויס ביים טיש, גוטע קינדער האָבן זיי, אַלע אַזעלכע וואוילע, שטילע. זיי האָבן שטענדיק געטרייט די קינדער צו דערציען אין אידישן גייסט, ריידן אַלע אידיש, אַז עס איז אַ תענוג צו הערן. אַפילו דאַוונען קענען זיי.

נאָר דער איינער, ראַלף, איז געוואָרן אַן איבערגעקערטער, זייט ער האָט זי דערקענט, פלאָרענסן הייסט עס, איז ביי אים ניטאָ קיין טאַטע, קיין מאַמע, קיין שוועסטער, קיין ברידער. עסט ער נאָר אָפּ איז ער שוין ניט קיין היימישער. געכאַפּט דאָס רעקל און גלייך אַנטלאָפן צו איר.

מילא, אין מיטן וואָך וואָלטן זיי אים שוין מוחל געווען. אז מען שמועסט פון אַ „סוויטהאַרט" איז דאָך ניט שייך. אָבער שבת, יום־טוב!

ס׳האַרץ ווערט זי שיער צעריסן קוקנדיק ווי אין אַ פֿרייטיק אָדער יום־טוב ביינאַכט, ווען אידן נעמען זיך צייט ביים עסן און געניסן פֿון די מאכלים, זיצט ער און שלינגט, שלינגט די ביסנס ווי להבדיל אַ גוי, ווי ס׳וואָלט געווען אַן אומגליק ווען ער וועט קומען צו זיין „מיצאָצע״ (מציאה) אַ האַלבע שעה שפּעטער.

אָבער קיינמאָל האָט זי נאָך ניט אַזוי געפּלאַצט דאָס האַרץ, ווי פֿאַר אַ יאָרן, אין דער כל־נדרי נאַכט. ווען זיי זיינען אַוועק אין שול האָבן זיי זיך ניט אַנדערש פֿאָרגעשטעלט, אַז ער וועט קומען צו זיי אין שול אַריין (זיי קויפֿן פֿאַר אַלע קינדער טיקעטס פֿאַרן שול), ל׳אָזט זיך גאָר אויס, אַז ניט נאָר איז ער ניט געקומען אין שול צו כל נדרי, נאָר ער איז גאָר אַוועק מיט זיין „סוויטהאַרט״ צו אַ „שאָו״. (זיי האָבן עס אויסגעפֿונען פֿון די צוויי האַלבע טיקעטס וואָס זיי האָבן געפֿונען ביי אים אין קעשענע). ס׳איז דאַמאָלט ביי זיי געווען אַן אמתער צווייטער כל נדרי. ס׳האָט ניט געפֿעלט קיין טרערן און קיין געוויינען, סיי פֿון פֿאָטער, סיי פֿון דער מוטער. דער פֿאָטער האָט זיך אפֿילו געכאַפּט צו אים שלאָגן, אים אָנגערופֿן פּושע ישראל! נאָר גיי שריי, וויין, און טענה זיך אויס מיט אַ פֿאַרליבטן נאַר, אַז ער קען, זאָגט ער, אָן איר ניט לעבן אַפֿילו אַ מינוט. אַז דאָ, אין דער היים, זאָגט ער, איז אים אומעדיק, און דאָרט, מיט איר, מיט זיין „סוויטהאַרט״ הייסט עס, איז אים פֿריילעך און לעבעדיק. ער וואָלט שוין, זאָגט ער, געוואָלט דער־לעבן זיי זאָלן שוין חתונה האָבן און שטענדיק־שטענדיק זיין מיט איר צוזאַמען.

איז וואָס האָבן זיי, די עלטערן, געקענט טאָן. ס׳איז, ערשטנס, ניט אין דער אַלטער היים, און צווייטנס, קען מען אפֿילו אין דער היים היינטיקע צייטן צווינגען ניט חתונה צו האָבן מיט די וועלכע די עלטערן ווילן ניט. האָבן זיי פּרובירט רידן צו אים מיט גוטן, איבערצייגן אים, אַז ס׳איז אין יעדן הינזיכט ניט קיין גלייכער שידוך. ענטפֿערט ער אָבער, אַז ס׳איז ביי אים ניט קיין שידוך. ס׳איז, טענה׳ט ער, „לאָוו״, ליבע הייסט עס. מיט איין וואָרט, ס׳האָט ניט געהאָלפֿן, זיי האָבן געמוזט נאָכגעבן ער זאָל חתונה האָבן מיטן מיידל. זיי האָבן קוים געפּועלט עס זאָל זיין אַ אידישע חתונה.

* * *

אַ קורצע צייט איז דאָס „אינגל״ געווען גליקלעך. דאָס גליק זיינס איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט זיך כסדר געפֿונען ביי זיך אין הויז לעבן זיין יונג ווייבעלע. ווען ער איז אַמאָל געקומען צו די עלטערן

צו גאַסט, איז ער געזעסן אַן אומרואיקער, אַן אומגעדולדיקער, זיך געאײַלט צו אַנטלויפן אַהיים.

מיט זײַן פרוי צוזאַמען איז ער זעלטן געקומען. זײַנע עלטערן זײַנען פאַר איר געווען צו פרום, „טו דזשואיש״, אַזוי האָט זי אים אַמאָל געענטפערט ווען ער האָט זי געבעטן צו גײן מיט אים צו זײַנע עלטערן.

דערפאַר אָבער איז ער אויך נאָכדעם געגאַנגען זעלטן צו אירע עלטערן (זיי האָבן געוואוינט אין באַזונדערע רומס). ער האָט מער קײן אינטערעס ניט געהאַט צו זיי צו גײן, זיי זײַנען פאַר אים געווען צו „יענקיש״, סײ אין גייסט, סײ אין געפיל. פריער, ווען ער איז געקומען צו זייער טאָכטער, האָט ער זיי כמעט ניט באַמערקט. ער האָט איבער־הויפּט מער ווי איר, זײַן געליבטע, קײנעם און גאָרניט באַמערקט. איצט, נאָך דער חתונה, זײַנען זיי פאַר אים געוואָרן פרעמדע מענטשן. די הויז זייערע איז פאַר אים געוואָרן אַ פרעמדע, ס׳האָט דאָרטן געפעלט דאָס, צו וואָס ער איז אַלע זײַנע יאָרן געווען צוגעוואוינט בײַ זײַנע עלטערן: דער אידישער טיש, די אידישע היימישע מאכלים וואָס די מאַמע קאָכט, דעם טאַטנס אידישע נגונים, די שבתדיקע און יום־טובדיקע שטימונגען.

אויך אין זײַן אייגענער היים איז עס ניט געווען בעסער. זײַן פלאַ־רענס האָט זיך געפירט אויף איר טאַטע־מאַמעס שטייגער, מיט דעם איינציקן אויסנאַם, וואָס זי האָט ניט געקענט און ניט געוואָלט קאָכן, און זי האָט אים געשלעפּט אין רעסטאָראַנען עסן.

אַנפאַנגס איז עס בײַ אים געווען אַ נײַקייט. ער האָט קיינמאָל אין קײן רעסטאָראַן ניט געגעסן, און ס׳איז אים עפּעס אויסגעקומען מאָדנע, אָט דער גאַנצער רעסטאָראַן טאַראַראַם, מיטן גערויש, טומל, און מיט די פיל מענטשן בײַ די טישן, וועלכע זיצן אַזוי נאָענט און ענג צוגעדריקט איינע צו די אַנדערע, ווי זיי וואָלטן געווען שוועסטער און ברידער. ס׳איז אים אָבער שנעל מיאוס געוואָרן דאָס צוזאַמענ־דריקן זיך מיט פרעמדע, וועלכע ער קען ניט: האָבן צו טאָן מיט ווייטערס וועלכע דערלאַנגען דאָס עסן גאָרניט ווי די מאַמע דערלאַנגט...

אַ חוץ דעם איז ער ניט געווען צוגעוואוינט צו קײן רעסטאָראַן־עסן און ס׳האָט שנעל אויף אים אָנגעהויבן צו ווירקן.

* * *

די עלטערן האָבן מיט שרעק און פאַרוואונדערונג באַמערקט, ווי זייער ראַלף הויבט אָן צו קומען צו זיי אָפטער, וואָס דאָס איז פאַר זיי געווען ניט קײן גוטער סימן פון אַ גליקלעך פאַמיליען־לעבן.

ער פלעגט קומען און זיך אַוועקזעצן אַ שטילער, אַ שווייגנדיקער און אָפּזיצן שטונדן און אפילו ניט אַ טראַכט טאָן פון גיין אַהיים. ווען די מוטער פלעגט אים דערלאַנגען עפּעס עסן, פלעגט ער זיך צוכאַפּן מיט אַזאַ אַפּעטיט, ווי ער וואָלט שוין לאַנג גאָר ניט געגעסן. מען האָט אים אָבער גאָר ניט געפרעגט, ניט ווענדיק אים געבן צו באַמערקן, אַז זיי פאַרשטייען, אַז עפּעס איז ניט גלאַט מיט זיין פאַמיליען־לעבן.

ווען ער פלעגט ענדלעך אַוועקגיין, האָבן די עלטערן צווישן זיך גערעדט, געפּרואווט טרעפן די סיבה פון זייער קינדס שטילע ליידן. און אַז ער ליידט פון עפּעס און זאָגט ניט אויס איז ביי זיי קיין צווייפל ניט געווען.

איינמאָל איז ער זיך אַזוי לאַנג פאַרזעסן ביי די עלטערן אין הויז, אַז די מוטער האָט זיך שוין ניט געקענט איינהאַלטן און צוגייענדיק צו אים נאָענט, ביי אים, מוטערלעך געטריי, אַ פרעג געטאָן:

— פאַרוואָס, קינד, גייסטו שוין ניט אַהיים? ס'איז שוין אַזוי שפּעט אין אָוונט, דיין ווייב וועט ניט וויסן וואָס איבערצוקלערן?

ראַלף האָט אויף איר שווייגנדיק און פאַרדריקט אַ קוק געטאָן, און אַ כאַפּ טוענדיק דער מוטערס האַנט, קוים אַרויסגערעדט:

— ס'איז אומעטיק, מאַמע, עס איז אַזוי אומעטיק ביי מיר אין הויז!

מער האָט ער ניט גערעדט.

## אין אַ שידוכים קלוב

מאָריס איז שטיין געבליבן ביים אַריינגאַנג פונעם שדכנים־קלוב, באַצאָלט אַ קוואָדער, אַריינגעשריבן זיין נאָמען און אַדרעס אין בוך און אַריין אינעווייניק.

דער גרויסער זאַל איז שוין געווען פול מיט מענטשן. מענער און פרויען, יונגע און עלטערע, און גאָר פאַרעלטערטע. אַלע זיינען זיי געזעסן אויסגעזעצט אויף שטולן, געקוקט צו דעם „אויבנאָן", וואו ס'איז געשטאַנען אַ טיש, ביי וועלכן ס'איז געזעסן אַ דיקלעכער איד וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ רעוורענד און עפּעס געשריבן, אָנגעצייכנט, ווי ער וואָלט צוגעגרייט דעם „פּראָגראַם" פאַרן אָוונט.

עס האָט געקענט מאַכן דעם איינדרוק, אַז דאָ באַדאַרף באַלד אָפּגעהאַלטן ווערן אַ מיטינג פון סאָסייעטי־מעמבערס, ווען די זיצב־

דיקע און וואַרטנדיקע וואָלטן ניט געטראָגן „אָנגעפּינט" אויף זיך נומערן, אָנגעשריבן אויף ווייסן פּאַפּיר, וואָס דאָס האָט גלייך געגעבן דעם איינדרוק, אַז ס'איז עפּעס ניט קיין געוויינלעכער מיטינג; אַז אָט די ווייסע, פּאַפּירענע נומערן, וואָס יעדערער פון די אָנוועזנדע טראָגן אויף זיך, האָבן אַ פּיל באַדייטנדען „מיין", סיי פאַר די פאַרזאַמלטע, סיי פאַר דעם אידן וואָס זיצט דאָרט אויבן ביים טיש און וואָס איז אייגנטלעך דער בעל־הבית איבער אָט דער פאַרזאַמלונג.

מאָריס, אַ ביסל אַ פאַרווירטער, אָט פון דעם אַלעם וואָס זיינע אויגן האָבן דערזען, האָט זיך לאַנגזאַם אַדורכגעשאַרט דורכן גרויסן זאַל מיט מענטשן, זוכנדיק מיט די בליקן אַ פּלאַץ וואו זיך צו זעצן און זיך אַזוי ניט וואַרפן אין די אויגן מיט זיין ווייסן פּאַפּיר־נומער, וואָס האָט זיך אים געבאָמבלט אויפן לאַץ און אים געגעבן דעם אויסזען פון אַ ניי־געקומענעם אימיגראַנט.

ער האָט ענדלעך געפונען אַ ליידיקן שטול אין אַ ווינקל ביים וואַנט, זיך אַוועקגעזעצט און אָנגעהויבן צו באַטראַכטן דעם עולם וואָס איז געזעסן אַרום אים.

ס'איז אים אויסגעקומען אַזוי מאָדנע, וואָס ער, אַן אינטעליגענ־טער מענטש, אַ באַלעזענער, וואָס האָט אַמאָל אַלס אומפאַרהייראַטער געהאַט אַזוי פיל דערפאַרונגען מיט פרויען און אין וועמען זיין פאַר־שטאָרבענע פרוי האָט זיך פאַרליבט, באַדאַרף איצט, נאָך צען יאָר פאַרהייראַט לעבן, בלייבנדיק מיט אַמאָל אַן אַלמן מיט צוויי קינדער, זוכן הילף אין אַ שדכנים־פּלאַץ, אויף אַזאַ טרוקענעם צוועקמעסיקן אופן.

אָבער קיין אַנדער וועג האָט ער ניט. ער איז ניט מער דאָס וואָס געוועזן. ער האָט ניט מער דעם מוט און דעם ווילן איבער־אַ־נייס אָנצוהויבן מיט „אויסגיין", מיט זוכן נייע באַקאַנטשאַפטן, מיט אָנקניפּן נייע פאַרבינדונגען מיט פרויען. ווען ער וואָלט ניט פאַרבליבן מיט צוויי קינדער, וואָלט ער אפשר שוין אינגאַנצן מער ניט געהייראַט, ווייל אַזאַ פאַמיליע־לעבן, ווי ער האָט געהאַט מיט זיין פרוי, וועט ער שוין מיט קיין אַנדערער ניט האָבן.

זיינע געדאַנקען זיינען איבערגעריסן געוואָרן פון דעם „טשער־מאַנ'ס" שטימע, וועלכער האָט אין אַ האַרטן, טרוקענעם ביזנעס־טאָן זיינע „ליידעס און דזשענטלמען" דערקלערט דעם צוועק פון דער פאַרזאַמלונג אין פאָלגענדע ווערטער:

„דער צוועק פון אונדזער 'קלוב' איז, אַז מענער און פרויען, וועלכע זיינען 'סינגל', זאָלן זיך דאָ צוזאַמענקומען און זיך באַקענען. איר פאַרשטייט, זיך טאַקע באַקענען. ניט זיצן אויף אַן אָרט און קוקן איינע אויף די אַנדערע פון וויטן... פון זיצן און קוקן איז נאָך קיין זאַך ניט אַרויסגעקומען. ווער עס וויל געפינען אַ באַשערטן, אָדער אַ באַשערטע, האָט דאָ די בעסטע געלעגנהייט. טאָ 'פאַר־ספענדט' ניט קיין צייט אומזיסט. 'טאַים', יו נאָו, אין אַמעריקע, 'איז מאָני'. נאָר אַזוי ווי איך ווייס, אַז צווישן אייך זיינען פאַראַן אַ סך שעמעוודיקע, וואָס וועלן ניט צוגיין איינע צו די אַנדערע און גלאַט אַזוי זיך פאָרשטעלן, האָב איך איינגעפירט נאָמבערס. ווער וועמען עס איז געפעלן, זאָל שרייבן אַ בריוו צו דעם און דעם נומער, אַז איר ווילט זיך באַקענען. און אויף אַזאַ שטייגער וועט יעדער געפינען וואָס ער זוכט. אַלזאָ, הויבט אָן!"

פיל פון די פרויען און מענער האָבן זיך שטיל אויפגעהויבן פון זייערע ערטער און פרעמד־אַרטיק, לאַנגזאַם און אומזיכער אָנגעהויבן אַרומצושפּרייזן אַרום האַל, וואַרפנדיק דאָ און דאָרט שטומע בליקן אויף „דער" און אויף „דעם", אויפכאַפּנדיק גלייכצייטיק דעם נומער פון די, מיט וועלכע זיי ווילן זיך באַקענען.

די, וועלכע האָבן אַרומגעשפּרייזט איבערן האַל און געפּרובירט זוכן זייער „גליק", זיינען אַם מייסטן געווען פון די אינגערע און פיפיקערע, מיט מער אָדער ווייניקער „עקספּיריענס" אין אַזעלכע „אונטערהאַלטונגען". די עלטערע און די נייע, וועלכע זיינען דאָ געווען ס'ערשטע מאָל, זיינען געבליבן זיצן שטילע אויף זייערע ערטער, און האַלב־פאַרשעמט, האַלב־פאַרוואונדערט זיך פון דער וויטנס צוגעקוקט וואָס עס קומט פאָר אַרום זיי.

מאָריסן, אַן אינטעליגענטן און באַלעזענעם מענטשן, איז סתם געוואָרן אינטערעסאַנט אַט־דער גאַנצער ענין. נאָך אַלעמען — האָט ער געטראַכט — ליגט דאָך אַט אין דעם פלאַץ, וואו מענטשן קומען זוכן „אַ פריינט אין לעבן", באַהאַלטן אַ שטיק פון דעם מענטשלעכן טראַגישן „דאָ־זיין". מענטשן ווילן אַנטלויפן פון זייער איינזאַמקייט און עלנט און האָבן ניט וואו צו לויפן. וואו זיי קומען, געפינען זיי פרעמדקייט און אָפּגעזונדערטקייט; זיינען זיי געקומען אַהער פאַר־אייניקן זייערע נשמות מיט נאָך אַזעלכע עלנטע און איינזאַמע.

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט און אָנגעהויבן אַרומ־

צושפרייזן איבערן זאַל און באַטראַכטן דעם עולם, פאַרגעסנדיק בשעת מעשה צוליב וועלכן צוועק ער איז דאָ אַליין געקומען. און וואָס מער ער האָט זיך צוגעקוקט צו די פּנימער, אַלץ מער אומהיימלעך איז אים געוואָרן אויפן האַרצן.

ער האָט באַמערקט אין די מערסטע פּנימער אומעטיקייט און פאַר׳צער׳טקייט. סיי ביי די וועלכע זיינען שוין אַמאָל געווען פאַר־הייראַט און שוין פאַרזוכט דעם טעם פון אַ פאַמיליע־לעבן און סיי ביי די וועלכע, ווי ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, זיינען נאָך קיינמאָל ניט געווען פאַרהייראַט, האָט אַרויסגעקוקט דער עלנט פון די אויגן, די געמיט־שווערקייט, וואָס ס׳ברענגט מיט זיך דאָס אַליין־זיין, דאָס וואַרטן און אויסקוקן די אויגן אויף אַ פריינט...

ס׳האָט זיך אים קוים געוואָלט גלויבן, אַז אָט די מענטשן, מאַנכע פון זיי פאַרעלטערטע, פאַרגרויטע, יעדערער מיט זיין טראַ־געדיע, היימלאָז־געוואָרענע מענטשן, אָדער מענטשן וועלכע האָבן גאָר אינגאַנצן ניט געהאַט דאָס גליק צו האָבן אַן אייגענע היים, — אַז אָט־די מענטשן מיט וויסטן און פוסטן טרויער אין זייערע נשמות האָבן שוין אַמאָל געהאַט, אָדער דענקען נאָך אַמאָל צו האָבן די פרייד פון אַ פאַמיליע־לעבן.

„און אפשר, — האָט ער געטראַכט, — אפשר, ווען אָט־די אַלע זיינען באַזונדער, ניט אינאיינעם מיט אַלעמען, באַזונדער זאַלבעצווייט, ווערן זיי גאָר אַנדערע מענטשן: פלייסיקער, באַרעדעוודיקער, און אפשר אויך ליידנשאַפטלעכער, צוגעלאָזענער איינע צו די אַנדערע. יאָ, זאַלבעצווייט מוז זיין עפּעס אַנדערש.״

דערפאַר האָט ער אָבער אויך באַמערקט אַזעלכע, וועלכע האָבן זיך אָט־דאָ אין שדכנים־קלוב געפילט ווי אין דער היים. אייניקע יונגעלייט און פרויען האָבן, אויפהויבנדיק זיך פון זייערע ערטער, גלייך זיך אַ נעם געטאָן צום „פלוירטן״ און שרייבן בריוו איינע צו די אַנדערע. מיט אויפגעהויבענע קעפּ און אויסגעשפּיצטע אויגן זיינען זיי אַרומגעגאַנגען און אַראָפּגעכאַפּט די נומערן פון די, וועלכע עס איז זיי געפעלן, און גלייך זיך גענומען שרייבן בריוו צו זיי, און דערביי צווישן זיך פריילעך גערעדט און געשפּאַסט, ווי די גאַנצע אומגעבונג דאָ וואָלט זיי פריילעך אַמוזירט.

„נאָמבער 12!״

„נאָמבער 22! ״

דער „טשערמאַן“ האָט געהאַלטן אין איין אויסרופן נומערן, און יעדעס מאָל, וואָס אַ מאַן אָדער אַ פרוי האָט דערהערט אויסרופן זיין אָדער איר נומער, איז ער אָדער זי צוגעלאָפן און אַ כאַפּ געטאָן דעם בריוו אים אויפגעריסן, שנעל דורכגעלייענט און גענומען אַרומ־לויפן כאַפּן אַ קוק אויפן נומער פון דעם שרייבער.

מאָריס האָט מיטאַמאָל דערהערט ווי מען האָט אַ רוף געטאָן נומער 34 — זיין נומער, און ווי פון זיך זעלבסט האָבן זיך זיינע פיס אַ טראָג געטאָן אויבנאָן, צום טשערמאַן, אַ כאַפּ געטאָן דעם בריוו פונעם אידנס האַנט, אויפגעריסן און נייגעריק אָנגעהויבן אין אים אַריינצוקוקן.

ווען ער האָט דערענדיקט לייענען זיין בריוו און זיינע בליקן זיינען געפאַלן אויפן אונטערשריפט „נומער 19“, האָט ער זיך עפּעס מאָדנע צעשמייכלט. ס׳איז אים אויסגעקומען אי קאָמיש, אי טרויעריק אָט־די גאַנצע פּראָצעדורע פון אָט־דער שדכנים־שפּיל, אין וועלכער ער איז אַריינגעצויגן געוואָרן.

און דאָך איז אים געווען אינטערעסאַנט צו טרעפן זיך מיט דער פּערזאָן, וועלכע האָט צו אים געשריבן, אַז זי וויל זיך מיט אים באַקענען, כאָטש ער האָט שוין ניט דערוואַרט אָט אין דעם פּלאַץ צו דערגרייכן דעם צוועק, צוליב וועלכן ער איז אייגנטלעך אַהער געקומען.

ער איז אַדורכגעגאַנגען דעם גאַנצן זאַל, וואַרפנדיק מיט די בליקן דאָ און דאָרט. ענדלעך האָט זיך פאַר זיינע אויגן אַ וויג געטאָן דער „נומער 19“.

דאָס איז געווען אַ פאַרהעלטניסמעסיק יונגע פרוי, מיט ניט קיין מיאוסן, סימפּאַטישן אויסזען. אַ שטילע, אַ רואיקע איז זי געזעסן מיט אָנגעשטרענגטע בליקן צום עולם, ווי זי וואָלט אויף עפּעס געוואַרט.

מאָריס האָט זי אַ ווײַלע פון דער ווייטנס באַטראַכט, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט איבערצייגן, צי עס לוינט זיך מיט איר צו באַ־קענען. ענדלעך איז ער צו איר צוגעגאַנגען און מיט אַ געמאַכטן שמייכל באַמערקט:

— נומער 34.

זי האָט צוריק־געשמייכלט:

— עס פרייט מיר מיט אייך זיך צו באַקענען. מיין נאָמען איז לינאַ, מעג איך וויסן אייער ווערטן נאָמען?

— מאָריס.

זיי האָבן זיך אויפגערעדט, און וואָס מער ער האָט מיט איר גערעדט, אַלץ מער איז ער אין איר געוואָרן פאַראינטערעסירט. ניט אַזוי צוליב איר אינטעליגענץ און באַלערנטקייט, ווי צוליב איר באַשיידנקייט און ערנסטן, אויפריכטיקן טאָן, אין וועלכן זי האָט אים אַלץ דערציילט.

זי האָט אים דערציילט, אַז זי איז מיט אַ פּאָר יאָר צוריק געבליבן אַן אַלמנה מיט אַ 10־יאָריקעס קינד, אַ מיידעל, וועלכעס זי האָט ליב ווי איר לעבן. איר מאַן האָט זי אויך שטאַרק ליב געהאַט, און זי האָט אַפילו ניט געדענקט אַזוי שנעל צו הייראַטן. דאָס קינד, אָבער, מוז האָבן אַ היים און זי איז געצוואונגען צו הייראַטן. אָבער מיט וועמען הייראַט מען? זי האָט ניט קיין צייט און קיין געדולד צו זוכן אַ שידוך. זי מוז אַרבעטן און מאַכן אַ לעבן פאַר זיך און איר קינד, איז זי געקומען אָט אַהער. זי קומט שוין דאָ דאָס צווייטע מאָל, אָבער קיינער פון די מענער געפעלט איר ניט. ער איז דער ערשטער און דער איינציקער דאָ, וועמעס אויסזען עס האָט איר פאַראינטערעסירט.

זי האָט גערעדט מיט אַזוי פיל האַרץ און געפיל, אַז ביי מאָריסן האָט זיך שוין גענומען אויסבילדן אַ געדאַנק, אַז אָט־די פרעמדע און פאַר אים אומבאַקאַנטע איז באמת פון דעם פיינערן סאָרט פרוי, וואָס קען זיין אַ גוטע ווייב און אַ גוטע מוטער צו זיינע קינדער. ער באַדאַרף זיך יעדנפאַלס מיט איר נעענטער באַקענען. נאָר אָט האָט מען ווידעראַמאָל אַ רוף געטאָן „נומער 34" — זיין נומער, און מאָריס, בעטנדיק אַנטשולדיקונג ביי זיין נייער באַקאַנטער, איז מיט אַ געפיל פון צופרידנקייט, וואָס ער האָט דערפאָלגט, אַוועק אָפּנעמען דעם בריוו.

אונטער דעם בריוו איז געווען אונטערגעשריבן „נומער 31". דאָס מאָל האָט ער אָבער לאַנג דעם נומער ניט באַדאַרפט זוכן. עס איז אים גלייך אַנטקעגנגעקומען די, וועלכע האָט צו אים דעם בריוו געשריבן, און אַן צערעמאָניעס זיך פאָרגעשטעלט:

„נומער 31."

פאַר אים איז געשטאַנען אַ פרוי מיט אַ לעבעדיקן יונגן אויס־

זען, שיין און אָנציִענד פּאַרפּוצט, מיט אַן אַרויסרופנדיקן שמייכל אויף אירע זאַפטיקע צוגעפּאַרבטע ליפּן.

זי האָט אויף אים אַ בליץ געטאָן מיט אירע צוויי ליידנשאַפט־לעכע, גליִענדיקע אויגן און אַרויסגערעדט:

— אָבער, וואָס שטייען מיר דאָ? קומט אַ ביסל אַרויס אין „פּאַיער", וועלן מיר רעדן.

מאָריס האָט דערפילט ווי אירע בליקן און איר גאַנצער אַרויס־רופנדיקער טאָן האָבן עפּעס אין אים אַ רעג געטאָן. דאָס בלוט האָט אַ יאָג געטאָן דורך זיין גאַנצן קערפּער, און נישט קענענדיק זיך די מינוט אָפּגעבן קיין רעכענונג, איז ער איר נאָכגעגאַנגען. — —

---

דריי יאָר זיינען זייט דאַן אַוועק.

אַ געוויסן אָוונט איז מאָריס ווידער געגאַנגען צו זיין אַלטן שדכנים־קלוב, געגאַנגען אַן אומעטיקער, מיט אַ סך טרויעריקע דער־פאַרונגען וואָס ער האָט געהאַט מיט זיין „נומער 31" ווייבל, מיט וועלכער ער האָט דאַן חתונה געהאַט, און געהאַט אַ פּאָר יאָר פון איר געגוג „צו זינגען און צו זאָגן", ביז ער איז ענדלעך פון איר געזעצלעך באַפרייט געוואָרן.

ער איז געגאַנגען און געטראַכט וועגן דעם ווי ער האָט זיך דעמאָלט אַליין באַגראָבן מיט דעם וואָס ער האָט אויף אַזאַ נאַרישן און גראָבן אופן איבערגעלאָזט זיין נייע באַקאַנטע „נומער 19", וועלכע האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַזאַ וואוילע און אָנשטענדיקע פרוי, און זיך געלאָזט פאַרפירן פון אַזאַ...

נו, מילא, ס'איז שוין פאַרפאַלן. יענע האָט שוין געוויס חתונה געהאַט. דאָס מאָל וועט ער שוין זיין פאַרזיכטיקער.

ווען ער איז אַריינגעקומען אין „קלוב" און ניט־זיכער זיך גע־נומען אַרומקוקן אַרום עולם, איז ער געבליבן שטיין אַן איבער־ראַשטער, באַמערקנדיק פון וויטן זיצן זיין דעמאָלטיקע באַקאַנטע — „נומער 19"...

## ביים באָקס אָפיס

פינף אַזייגער אין אָוונט איז שוין לעסנער, דער קעשיער פונעם טעאַטער, געזעסן אויף זיין פּלאַץ און מיט אומגעדולד געוואַרט אויף די „הענט", וועלכע וועלן אים דערלאַנגען די דאָלאַרס פאַר די טיקעטס צו דער היינטיקער פאַרשטעלונג.

בייטאָג האָט זיך אין טעאַטער אַפּיס זייער געטומלט. די מענע־דזשערס, אַקטיאָרן, מוזיקער, אַשערס און דאָרקיפּערס זיינען אַרומ־געלאָפן ווי אָן קעפּ. די ביזנעס גייט ניט גוט; איין פּיעסע נאָך די אַנ־דערע פאַלט דורך; די שוישפּילער זיינען שוין מיד פון מאַכן יעדן טאָג פּראָבען פון נייע פּיעסן; און די מענעדזשערס זיינען שוין אָן כוח געבליבן, זוכנדיק און גריבלנדיק אויסצוגעפינען עפּעס אַ „סקים“, אַ פּלאַן, אַ „באָמבע“, וואָס זאָל זיי אַרויסשלעפּן פון זייער שווערער פינאַנציעלער לאַגע.

און אַז די ביזנעס גייען ניט גוט, איז ניטאָ קיין שלום־בית. האָט מען טענות איינע צו די אַנדערע. דער מענעדזשער קריגט זיך מיטן „סטאַר“ פאַר וועלן שפּילן דורכאויס „ליטעראַטור“ און דער סטאַר פון צווייטן ראַנג קריגט זיך מיטן סטאַר פונעם ערשטן ראַנג, פאַר־וואָס ער, דער ערשטער, זוכט אים שטענדיק צו פאַרשטופּן אין הינ־טערגרונד. און די „סטאַריכע“ באַקלאָגט זיך, אַז די אורזאַך פון די לעצטע דורכפאַלן איז, וואָס די פּיעסע־שרייבער שאַפן פאַר איר קיין רעכטע ראָלע ניט און זיי פאַרלאָזן זיך דורכאויס אויפן מאַן־סטאַר. אָ, ווען צו איר וואָלט אַריינגעפאַלן עפּעס אַזוי אַ רעכטע ראָלע, וואָלט מען זיך איצט ניט באַדאַרפט אַזוי דרייען דעם קאָפּ.

און אַלע זיינען צעטומלט, מען קאָכט זיך, מען היצט זיך, איינער וואַרפט אַרויף די שולד אויפן אַנדערן.

אָבער מער פון אַלעמען איז צעטומלט און פאַרזאָרגט לעסנער, דער טיקעט־פאַרקויפער. צו אים זיינען אַלע אויגן געווענדעט, פון דעם גרעסטן ביז דעם קלענסטן. אַלע קוקן אים אין די הענט, ווי ער וואָלט געווען דער שפּייזער, דער ברויטגעבער... ווי פון אים וואָלט געווען אָפּהענגיק דער לעבן און עקזיסטענץ פון אַלץ, פון אַלעמען... מען קוקט אים אין די אויגן; מען היט זיין יעדע מינע; אַלע ווייסן און פילן, אַז ער איז דער שפּיגל, וואו מען קען אַריינקוקן און זען און ווייסן, וואָס עס הערט זיך, ווי מען האַלט.

גייען די ביזנעס גוט, גייט לעסנער אַרום אַ פריילעכער, אַ ליכ־טיקער, טאַנצן זיינע פּיס ממש אונטער פון גליק און צופרידנהייט. שטעקט דער דיקער ציגאַר ביי אים אין ווינקל פון מויל אַ שטאָלצער, אַן אָנגעבלאָזענער... און קומט ער אַריין אין קאַפע, וויצלט ער זיך מיט יעדן איינעם, קלאַפּט די אַקטיאָרן איבערן פּלייצע, מאַכט זיי קאָמפּלימענטן, רופט זיי „קינסטלער“. און אויב די פּיעסע, וועלכע

ברענגט געלט, איז אַ ליטעראַרישע, שרייט ער גוואַלד, אַז די ליטע־ראַטור זאָל לעבן, נידער מיטן שונד.

גייען די ביזנעס שלעכט, גייט לעסנער אַרום אַ פינצטערער, אַ צעטראָגענער. קיין זאַך גייט אים ניט איין. אַפילו דער גוטער ציגאַר זיצט ביי אים אין מויל פעסט צווישן די ציינער אַ צעקנייטשטער, אַ צעביסענער, ווי ער וואָלט אים אומישנע מיט זיינע ציין צעביסן, אַרויסגעקוועטשט פון אים דאָס אינגעוויד...

אין דער טעאַטער־קאַפע וויזט ער זיך אין אַזאַ צייט זעלטן. און ווען ער קומט אַהין, איז ער שוויגנדיק, איינגעהאַלטן אין ווערטער, מאַכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ שווערן סוד, וואָס טאָר ניט און באַדאַרף ניט אַנטפּלעקט ווערן... עפּעס קאַל־טעס און שטרענגעס ווייעט פון זיין בליק. און קומען צו אים צו אַ פּאָר אַקטיאָרן, וועלכע ווילן מיט אים פאַרבינדן אַ שמועס, הייסט ער איינפּאַך די „פּורצעס" זיי זאָלן זיך פון אים אָפּטראָגן. אַ „ליטע־ראַרישער" דראַמאַטורג איז ביי אים דאַמאָלסט ממש ניט זיכער מיטן לעבן: „ווערט פאַרברענט מיט אייער ליטעראַטור" — פּלאַצט ער אַרויס מיט גאַל — „אייער ליטעראַטור האָט שוין ניט איין טעאַ־טער אָפּגעקוילעט"...

* * *

אויף דעם היינטיקן אָוונט האָט לעסנער געלייגט שטאַרקע האָ־פענונגען. דאָס איז געווען דער אָנפאַנג פון דער צווייטער וואָך נאָכ־דעם ווי די קריטיקער האָבן די נייע פּיעסע געזען און געשריבן זייער גוטע קריטיקן. דער היינטיקער אָוונט דאַרף ענטשיידן ווי דער עולם האָט די קריטיקן אויפגענומען.

איז לעסנער דעם גאַנצן טאָג געווען אויסערגעוויינלעך אומרו־איק. באַלד אין דער פרי, ווי ער האָט נאָר געעפנט די אויגן, האָט אים אַ ברי געטאָן אין קאָפּ, ווי מיט פייערדיקע בוכשטאַבן: „ה י י נ ט!" היינט שטייט אַלץ אין קאָן. און פאַר זיין געדאַנק האָבן זיך אַ וויקל געטאָן אַ „ראָל" פון „בילס", וואָס דער טעאַטער באַדאַרף באַצאָלן. אָבער אַמשווערסטן איז מיט די צייטונגס־בילס. עפּעס־וואָס און דער אַדווערטייזמענט ווערט אַרונטערגענומען פון די „פּיי־דזשעס". כאַטש גיי און וואַרף אַדווערטייזמענטס פון הימל... מיט די אַנדערע בעלי־חובות גיט מען זיך ווי עס איז אַן עצה. אָבער מיט די פּייפּערס?...

אַרונטערגייענדיק פון בעט, איז ער גלייך צוגעלאָפן צום פענצטער, אַ קוק געטאָן, ווי עס ווייזט אויס אין דרויסן. „ביט אַזוי פויגלדיק״, האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ: „גיי פאַרלאָז זיך אויף היינטיקן וועטער״. ווער וויים, וואָס עס קען פּאַסירן ביז נאַכט. און וואָס טוט ער, אַ שטייגער, ווען עס פאַלט אויס אַ נאַסער שניי, אָדער אַ רעגן. עס דאַכט זיך אים טאַקע, ווי אָט קלייבן זיך שוין צוזאַמען עטלעכע קליינע וואָלקנדלעך און פון די קליינע קענען נאָך ווערן גרויסע. און ער דערשרעקט זיך פאַרן אייגענעם געדאַנק, לויפט אָפּ פון פענצטער און אַ פאַרזאָרגטער, מיט אַ שווערן געמיט, נעמט ער זיך אָנטאָן.

איצט זיצט לעסנער אין טעאַטער אין זיין קליינעם צימערל אַ פאַרשלאָסענער מיט זיך אַליין און וואַרט אויף די „הענט״ מיט די דאָלאַרלעך...

אין קאַסע־צימערל איז שטיל. אַן אַלטער „לאונדזש״ שטייט ער־געץ פאַרשטעקט שטום אין אַ ווינקל מיט אַ צעוואָרפענעם געלעגער, ווי עמיצער וואָלט נאָר וואָס אויפגעשטאַנען נאָך אַ שפּעטן פּאָקער־שפּיל... אַן אַלט טישל שטייט אָן אַ זייט, אויף וועלכן עס שטייט אַ טעלעפאָן. אַן עלעקטרישער לעמפּל שלאָגט אָפּ אירע שטראַלן אָן די טונקעלע ווענט, צו וועלכע עס זיינען צוגענאָגלט צענדליקע קליינע און שמאָלע קעסטעלעך, וועלכע זען אויס ווי פויגל־נעסטן, אָנגע־פּאַקט מיט רויטע, גרינע, ווייסע און אַלערליי קאָלירנדע טיקעטלעך. יעדער טיקעט איז אַ שטיק געוועב אין דעם טעאַטער־לעבן.

נאָענט ביים קליינעם פענצטערל הענגט גאַנץ באַזונדער אַ פלאַך טאָפּלט קעסטל, אין וועלכן אין שמאָלע שפּעלטעלעך ווערן איינגע־אָרדנט די טיקעטס פאַר דער קומענדער פאַרשטעלונג.

זיצט לעסנער אַ שטילער, אַ פאַרביסענער, מיט טיפן געהיימניס־פולן שוויגן. מיט איין שאַר מיט די פינגער צעשטעלט ער אַ פּעקעלע מיט טיקעטס אין דינע שפּעלטעלעך אַריין. צוערשט דעם אָרקעסטער, נאָכדעם די באַלקאָני און נאָכדעם די גאַלערי. די ערשטע שורות גייען ברייט, נאָכדעם שמאָלער און שמאָלער, מיט אַ סדר, מיט אַ נר־מער און מיט דער „איי בי סי״. ווי סאָלדאַטן אויסגעמושטירטע שטייען זיי, די טיקעטלעך, אין רויטן, ווייסען, געלן און גרינעם קאָליר, שטייען און וואַרטן, ווי ניי־געבוירענע נשמהלעך אויף די יונגע גופימלעך, וועלכע זאָלן זיי אַריינגעמען אין זיך און אָנהויבן צו לעבן.

לעסנער ווארט מיט טיפן אַנגסט און ברענענדיקן אומגעדולד. זיצט פאַרמרה־שחורהט און קוקט אויף די טיקעטלעך, וועלכע זיינען אים אַפּט אַזוי נאָענט, ווי ער וואָלט געווען זייער טאַטע און זיי — זיינע קינדער, און ער האָט זיי אַזוי ליב... דאָס איז אָבער נאָר דעמאָלט, ווען די „קינדער" האָבן „חתונה", ווערן אויסגעגעבן — פּטור געוואָרן און אַראָפּ פון מאַרק. אָבער ווען די טיקעטלעך בלייבן, איז ער פול מיט ווייטיק און האָס צו זיי, צו זיין מזל... ער האָט דעמאָלט דאָס געפיל פון אַ פאָטער, וועמענס אַלע אַכט טעכטער זיינען אים געבליבן ליגן אויפן קאַרק פאַרעלטערט און דערשלאָגן.

דער זייגער איז שוין האַלב נאָך זעקס און די קויפער באַווייזן זיך נאָך ניט. פון צייט צו צייט פאַלט אַריין אַ פאַרשמייעט מיידל, בעט אַ טיקעט אויף דער גאַלערי און עס ווערט ווייטער שטיל.

לעסנער דרייט זיך אויף אַלע זייטן. שטעלט זיך אויף און זעצט זיך ווידער אַוועק. פאַר זיינע אויגן הענגט דאָס טיקעט־קעסטל ווי אַ שטומער שאָטן און טונקלט אים פאַר די אויגן.

„אוי, דאָס קעסטל, דאָס קעסטל!" — טראַכט לעסנער. — „נאַראָנים וואָס זיי זיינען, אָט די אַלע שרייער פון קונסט, ליטעראַטור און דראַמע". הע־הע־הע... — צעשמייכלט ער זיך ביטער אין זיך — וואָס וויסן זיי פון אָט די אַלע זאַכן? זאָלן זיי קומען אַהער, וועלן זיי שוין געוואָר ווערן, וועמ עס האָט דאָס לעצטע וואָרט, ווער עס ענטשיידעט דעם שיקזאַל פון דראַמען, ליטעראַטור, שוישפּיל־קונסט, אָדער שונד... כע־כע־כע... זאָלן זיי פרעגן מיך, דעם לאַנג־יאָריקן ער־פאַרענעם קעשיער. אַ שטיק האַרץ האָב איך אין דעם קעסטל איבער־געלאָזן, קאַנסאַמפּשאָן שיר ניט באַקומען, מיין נשמה שיר ניט אַרויס־געהויכט ביים קעסטל, כע־כע..."

עמיצער האָט אים מיטאַמאָל איבערגעשלאָגן די געדאַנקען. אַ אידל איז, לויפנדיק פון שאָפּ, אָפּגעטראָטן, וועלנדיק אויסבייטן אַ „פּעס", וואָס זיין פרוי האָט געקראָגן ביים בוטשער, פאַר אַ טיקעט צו דער ביינאַכטיקער פאַרשטעלונג.

— מען נעמט היינט ניט קיין פּעסעס! — האָט זיך לעסנער אַ בייזער געטאָן און אָפּגעקערט דעם פּנים פון פענצטערל.

— פאַרוואָס? — איז דאָס אידל ניט אָפּגעטראָטן.

— מען נעמט ניט און שוין!

— פאַרוואָס עפּעס נעמט מען ניט? — איז דאָס אידל געווען

איינגעשפּאַרט, — שיינע מענטשן זייט איר; מען נעמט און מען נאַרט אַפּ אַ אידן. שעמען מעגט איר זיך!

דאָס אידל האָט אַ שפּיי געטאָן און מיט שפּרינגענדיקע טריט אַוועק.

— עס הויבט זיך אָן ניט שלעכט! — האָט לעסנער האַפּנונס־לאָז אַ שמייכל געטאָן. זיינע בליקן זיינען פּלוצלונג געפאַלן אויפן זייגער.

— שוין 7 — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן, און עס האָט אים אַזש אַ הויב געטאָן פון אָרט.

ער האָט דערהערט עטלעכע „האו דו יו דוס". דאָס זיינען אָנגע־קומען די דאַרקיפּערס און די סטיידזש־הענט, יעדער גרייט פאַר זיין דזשאַב.

און אָט איז אַריינגעקומען דער ספּעשל־פּאָליסמאַן, זיך אַוועקגע־שטעלט וואַזשנע ביי דער צווייטער זייט פּענצטערל. מען איז געשטאַ־נען און דערציילט פון דער נעכטיקער „גיים", וויפל איינער האָט געוואונען אָדער פאַרשפּילט, און נאָך וועגן פיל אַנדערע זאַכן.

עטלעכע מענטשן זיינען אַריינגעקומען נאָך טיקעטס.

— נעקסט! נעקסט! — האָט דער ספּעשל־פּאָליסמאַן מיט אַ מאָל אויסגערופן, ווי ער וואָלט זיך נאָר וואָס אויפגעכאַפּט פון שלאָף.

עטלעכע הענט האָבן זיך אַ שטרעק געטאָן צום פּענצטערל, אַ וואָרף געטאָן די דאָלאַרן און געקראָגן טיקעטס.

— „טיקעטס פאַר טונייט!" — האָט דער ספּעשל־פּאָליסמאַן אויסגעשריען אויף זיין בייזן און שטרענגען קול.

און הענט האָבן זיך ווייטער געצויגן צום פּענצטערל, געוואָרפן די דאָלאַרלעך און באַקומען טיקעטס.

לעסנערן איז געוואָרן אַביסל פריילעכער... געוואָרפן שנעל מיט די הענט צום קעסטל, און ניט זעענדיק אַרויסגעצויגן די פאַרלאַנגטע טיקעטס.

און וואָס מער די דינע שפּעלטעלעך זיינען ליידיק געוואָרן, אַלץ מער האָט זיין פּנים אויפגעלויכטן. אָבער עד, ס'איז ניט גענוג... איצט האָט שוין באַדאַרפט זיין מער... די מינוטן לויפן... די ווײַ־זערס דרייען זיך. עס איז שוין האַלב נאָך זיבן. עס האָט שוין באַ־דאַרפט זיין אָן ענגשאַפט ביי יענער זייט פּענצטערל. מען האָט זיך שוין באַדאַרפט שטויסן, שטופּן, און דער ספּעשל־פּאָליסמאַן זאָל זיי

באַדאַרפן איינהאַלטן... און באַדאַרפט האָט ער שוין קענען רייזן די פּרייזן...

אָבער דער ספּעשעל פּאָליסמאַן איז נאָך גאַנץ רואיק. ער שרייט נאָך ניט און געוואַלדעוועט נאָך ניט. און די טעאַטער־גייער קומען נאָך איינציקווייז יעדער מינוט איז ביי לעסנערן אַ יאָר, די גאַנצע גאַלערי און כמעט אַ העלפט פון אָרקעסטער און באַלקאָני סיטס שטעקן נאָך אין די שפּעלטעלעך...

דער זייגער איז שוין אַכט.

דער מענעדזשער לויפט אַריין אַ פאַרסאַפּעטער אין צימערל, די מענעדזשערקע נאָך אים און נעבן אים דער סטאַר און נאָכן סטאַר דער דיריגענט. אַלעמענס אויגן פאַלן מיט אַמאָל גלייך אויפן טיקעט־קעסטעלע און ווערן פאַרגליווערט.

— גאָט! — שרייט אויס די מענעדזשערקע — לוק היר!

— איי טאָלד יו סאָ! — רייסט זיך אַרויס ביים מענעדזשער, וואָרפנדיק אַ פּאָר בייזע בליקן אויפן סטאַר — „ליטערעטשור" האָט זיך דיר פאַרוואָלט! דהי דעוויל וויטה יור ליטערעטשור!

— איך האָב אָבער געזאָגט, אַז די נעקסטע פּיעסע זאָל זיין מיין נייע אָפּערעטע, — האָט דער דיריגענט־קאָמפּאָזיטאָר זיך גע־רייצט, — איר האָט מיך ניט געוואָלט פאָלגן, איצט זעט איר שוין!

— קיפּ קווייעט! וואָס איז דהי מעטער וויטה יו — ווערט שוין לעסנער צעקאָכט — איר צעטומלט מיך אַזוי, אַז איך ווייס ניט אויף וועלכער וועלט איך בין.

— אָט האָסטו דיר, מען צעטומלט אים גאָר, מיין גרויסן געלט־ציילער! — ווערט שוין די מענעדזשערקע אין כעס.

— נאָ מאָר ליטערעטשור! — שרייט ווייטער דער מענעדזשער אַ צעקאָכטער. — קאַט דהי פּרייסעס טייק פּעסעס! פּיל אַפּ דהי האַוז! קוויק!

לעסנער פילט ווי עס ווערט אים ענג. די לופט שטיקט אים. זיינע הענט לייגן זיך צוזאַמען אין פויסטן. ער וואָלט איצט אַנגענומען דאָס טיקעט־קעסטעלע מיט די טיקעטס און עס אַ שליידער געטאָן אָן דער ערד, און צעבראָכן, צעריסן אַלץ אין שטיקלעך...

* * *

די טעאַטער טירן זיינען שוין געווען פאַרמאַכט. די פאָרשטעלונג איז שוין אָנגעגאַנגען און לעסנער איז נאָך אַלץ געשטאַנען אַ פאַר־

קלעמטער און געקוקט מיט ווי און פארדרוס אויף די טיקעטס, — די ווייסע, רויטע און בלויע קאלירן האבן אים געשטאכן אין די אויגן. יעדער איבערגעבליבענער טיקעט איז דאך בלוט... א נערוו, וואס מאכט קלאפן דאס הארץ פון טעאטער. און דאס הארץ פון טעאַ־טער איז דאך ער, לעסנער. און דאס הארץ ווערט אלץ שוואכער און שוואכער... און עס האלט שוין ביים פלאצן... לענגער קען ער עס ניט אויסהאלטן...

„אפשר וואלט שוין צייט געווען, אז ער זאל אינגאנצן איבערלאזן דעם טעאטער און זוכן אן אנדערן דזשאב" — פאלט אים מיטא־מאל איין.

„ער זאל איבערלאזן דאס טעאטער? ער — אן אנדערן דזשאב? ער, וואס איז ביים טעאטער געבוירן געווארן. ווי א שיפס־קאפיטאן ביים רודער איז ער תמיד געשטאנען ביים טעאטער און דורכגעמאכט אזוי פיל שטורעמס און ווינטן... ער וועט אוועקגיין פון טעאטער? א, ניין! ער וועט שוין ביים טעאטער שטארבן"...

און דעם צווייטן אוונט איז שוין לעסנער ווידער געשטאנען ביים טיקעט־קעסטעלע און סארטירט די טיקעטס, — רויטע, בלויע, גרינע און ווייסע, זיי איינגעשטעלט ווי די סאלדאטן אין רייען און געהאט דאס געפיל, ווי ער וואלט געווען א גענעראל איבער אן ארמיי, מיט וועלכער ער פירט און רעגירט דאס טעאטער־לעבן...

און דאס איז אפשר דער סוד, וואס האלט לעסנערן צוגעבונדן צום טיקעט־קעסטעלע...

## אויפן זעלבן וועג

גלייך ווי דאס פארל ענדיקט עסן דעם סאפער, הויבט מען אן טראכטן ווי אזוי מען זאל פארברענגען דעם אוונט.

ניט לאנג צוריק, איידער זיי זיינען געווען פארהייראט, האט מען וועגן אזעלכע „שווערע פראבלעמען" ניט געטראכט. מען האט זיך געטראפן יעדן אוונט און יעדן מאל געהאט וואו צו גיין. די אוונטן זיי־נען ביי זיי אוועק אן פאראויסבאשטימטע פלענער; זיי האבן אבער שטענדיק גוט פארבראכט.

דאמאלט האט זיי אלץ געוויילט: דאס שפאצירן צוזאמען, דאס זיצן שטונדן־לאנג אין פארק אדער ביים ים, דאס באזוכן צוזאמען פריינט, דאס פארן, גיין, הערן און זען.

ווען זיי פלעגן זיך טרעפן, פלעגט מען גיין — געגאַנגען וואו ס'האָט זיך געלאָזט. דער עיקר איז דאָך געווען דער גאַנג, דאָס נעמען איינע די אַנדערע אונטערן אָרעם, אָדער האַלטן איינע די אַנדערע פאַר די הענט. גייענדיק האָבן זיי געפילט ווי די שטימונג זייערע וואַקסט, צעבליט זיך, הויבט זיך אַזש צו די הימלען.

איז מען אַזוי געגאַנגען, ביז מען איז געקומען ערגעץ, וואו מען האָט פאַרבראַכט אַן אנגענעמען אָוונט. יעדן מאָל אין אַן אַנדער אָרט און אויף אַן אַנדער שטייגער.

דאָס איז אָבער אַלץ געווען דאַן, ווען זיי זיינען נאָך ניט געווען פאַרהייראַט, ווען זיי האָבן פון הייראַטן בלויז געטראַכט, געחלומט און זיך געשפונען גאָלדענע פאַנטאַזיעס.

היינט, אַ פאַר יאָר נאָך זייער חתונה, זיינען יענע אַלע פרייע וועגן פאַר זיי ווי אָפּגעהאַקט געוואָרן, פאַרשטעלט געוואָרן פון אַלערליי וויכטיקערע לעבנס־פראָבלעמען. היינט האָט מען הויז־אינטערעסן און זאָרגן פאַר דער קעגנוואַרט, פאַר דער צוקונפט און פאַר אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות מיטן געוויינלעכן טאָג־טעגלעכן לעבן.

ניטאָ מער קיין צייט און קיין געדולד פאַר יונג־מיידלשע און יונג־בחורשע פאַרווילונגען און וואַנדערונגען איבער אומבאַשטימטע וועגן. דאָס ווירקלעכע לעבן איז האַרט שטרענג, פאָדערט אויסגערעכנטקייט, באַשטימטקייט פון יעדן גאַנג און טריט. אויב ניט, איז מען ניט זיכער מיטן עקזיסטענץ...

ניט ווייט, וואו דאָס פּאָרל האָט געוואוינט, האָט זיך געצויגן אַ רוישיקע גאַס, איינע פון די ניט געהויבענע גאַסן, וואו עס פעלט ניט קיין טומל און קיין „שאָו־ווינדאָס", וואו מען שטעלט זיך אָפּ קוקן און באַוואונדערן אַלע שיינע זאַכן און מציאות, וואָס מען קען דאָרט קריגן.

איידער דאָס פּאָר פּאָלק האָט חתונה געהאַט פלעגן זיי זעלטן ווען פאַרבייגיין אָט די גאַס. ס'איז געווען אינטערעסאַנטערע ערטער וואו צו גיין און ס'זיינען געווען שענערע זאַכן אָנצוקוקן.

היינט איז אָט די גאַס געוואָרן דער הויפּט־וועג און פאַרגעניגנס־פּלאַץ, וואו דאָס פּאָרל קומט כמעט אַלע אָוונט פאַרברענגען און שפּאַצירן.

אָט האָבן זיי אָפּגעגעסן סאַפּער, די פרוי שטייט און וואַשט דאָס געשיר. דער מאַן זיצט און לייענט אַ צייטונג.

די פרוי ענדיקט איר אַרבעט אין קיך, דער מאַן ענדיקט לעזן די צייטונג.

אויס אַלטער געוואוינהייט טוט מען זיך איבער אין אַנדערע זאַכן און מען בלייבט שטיין איינע אַנטקעגן די אַנדערע ווי צוויי פראַגע־צייכנס.

— איז וואו, מיין מאַן, גייען מיר היינט? — טוט די פרוי אַ פרעג די זעלבע פראַגע, וואָס זי פרעגט כמעט אַלע אָוונט.

— כ׳ווייס? — ענטפערט אומבאַשטימט דער מאַן — וואו, זאָגסטו, זאָלן מיר גיין?

— אפשר זאָלן מיר גיין זען אַ „פיקטשע״? ענטפערט די פרוי.

— אַריינגיין זען אַ „פיקטשע״ איז שוין, דאַכט זיך, צו־שפּעט — באַמערקט דער מאַן.

— וויפיל איז שוין דער זייגער? — פרעגט די פרוי.

דער מאַן נעמט אַרויס דעם זייגער, גיט אַ שאַרפן קוק און ענטפערט: שוין האַלב נאָך ניין.

— וועלן מיר, הייסט עס, שוין קומען אין מיטן?

— אַז אין מיטן איז אויך ניט קיין אומגליק. וועלן מיר פאַרפעלן אַ פּאָר סצענקעס.

— דאָס, זעסטו, האָב איך שוין ניט ליב — זאָגט די פרוי — עס קאָסט געלט און מען איז עפּעס ווי צעטומלט. מען זיצט און מען קוקט און מען ווייס ניט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך.

— נו, וועלן מיר גיין ערגעץ אַנדערש.

— וואו, אַ שטייגער? — פרעגט די פרוי.

— ווען מען וועט גיין, וועט מען שוין זען, — ענטפערט דער מאַן ניט זיכער.

גייען מאַן און ווייב אוןריידן וועגן פאַרשידענע היימישע זאַכן: וועגן דעם וואָס די הויז איז שוין לאַנג ניט געפּיינט געוואָרן און וועגן דעם „רעיז״, וואָס דער לענדלאָרד וויל האָבן פאַרן „איבערפּיינטן״ די רומס. חוץ דעם, וואָלט מען שוין באַדאַרפט איינקויפן אַ פּאָר נייע נויטיקע זאַכן אין הויז. און ווען עס וואָלט נאָך מעגלעך געווען אַריינ־צונעמען אַ „טעלעוויזשאַן״, וואָלט שוין גאָר גוט געווען. מען וואָלט פאַרשפּאָרט אַלע אָוונט צו טראַכטן וואו צו גיין. מען זיצט אין הויז און מען זעט און מען הערט פון דאָס שענסטע און דאָס בעסטע.

איז אָבער איצט די צייט ניט אַזאַ פויגלדיקע. די אַרבעט איז געוואָרן שווערער און די פאַרדינסטן ווייניקער, וועט מען שוין מוזן אָפּלייגן אויף אַן אַנדער, בעסערער צייט...

דאָס פּאָרל גייט מיט שטילע איינגעהאַלטענע טריט. צו וואָס לויפן, איילן? אַלץ איז דאָך שוין אַזוי באַשטימט: דער וועג, דער גאַנג; די פיס גייען שוין פון זיך אַליין...

ווען זיי קוקן זיך אַרום, באַמערקן זיי, אַז זיי געפינען זיך אויף דער זעלבער גאַס, וואו זיי האָבן שפּאַצירט נעכטן, מיט אַ נאַכט בעפאָר, אוז כמעט אַלע אָוונט.

זיי גיבן איינע צו די אַנדערע אַ פאַרוויירטן שמייכל, ווי זיי וואָלטן זיך פאַרשעמט פאַר זיך אַליין...

# אין אַ סוף־זומער־נאַכט

אַן איינזאַמער איז העלער געזעסן אין פּאַרק אַליין; ס'איז געווען אַ פאַרנאַכט אין סוף זומער. זייער ווייניק מענטשן האָבן זיך געפונען אין פּאַרק צוליב דער סוף־זומערדיקער אָוונט־פּוסטקייט, מעלאַנכאָלישער שטילקייט און אומעט, וואָס איז געהאַנגען אין דער לופט, ווי אַן אָנ־זאָג פון פאַרגייענדער יוגנט און אָנקומענדער עלטער...

ער איז געזעסן אַ פאַרטראַכטער. געטראַכט וועגן דעם, וואָס אַלץ שטימט איצט אַזוי מיט זיין געמיט; וועגן זיינע יאָרן וואָס זיינען אַוועק ווי בייזע חלומות... און איצט — איז שוין העבסט... הערבסט...

אַט איז אים שוין געוואָרן פינף־און־פערציק יאָר. בלויז פינף יאָר טיילן אים אָפּ פון די פופציק און נאָכדעם — באַרג אַראָפּ מיט שווינדלדיקער שנעלקייט...

אימיצער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף „זיין" באַנק.

אינסטינקטיוו האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו דער זייט וואו דער „אימיצער" האָט זיך אַוועקגעזעצט.

ס'האָט אים מיט אַמאָל אַ ליכט געטאָן פאַר די אויגן; ס'איז געווען אַ מיידל שיין און יונג, אַ יאָר צוויי־און־צוואַנציק אַלט, מיט אַ האַלב יאָר ווייניקער ווי אַ העלפט וויפל ער איז אַלט געווען, און אפשר מיט אַ האַלב יאָר מער...

אויגן האָט זי געהאַט אַזעלכע ווייך־מילדע, בלוי־גלעטנדע, מיט ברייטע, אַריבערגעהאַנגענע וויעס. און יעדן מאָל וואָס זי האָט די

וויעס אויפגעהויבן, האָט עפּעס ווי אַ לייכט געטאָן, ווי עס וואָלטן דאָרט געלעגן באַהאַלטן צוויי פאַרבאָרגענע אוצרות.

העלער האָט דערפילט ווי זיין געמיט האָט זיך מיט אַמאָל איינגאַנצן געענדערט, ווי מען וואָלט פּלוצים אין אים אַריינגעבלאָזן אַ נייעם רוח חיים... אַ שטאַרקער באַגער האָט אים אַרומגעכאַפּט מיט איר באַטש אויסרעדן עטלעכע ווערטער. ער מוז פּרובירן צו איר רעדן, אפשר וועט זי אים ענטפערן.

„און טאָמער הויבט זי זיך גאָר אויף און גייט אַוועק, ווען ער וועט זי נעמען באַלעסטיקן מיט רייד?" — איז אים דורכגעלאָפן אַ געדאַנק.

„נאַרישקייטן! זי וועט ניט אַוועקגיין. ווען זי זאָל מורא האָבן פאַר אַ וואָרט פון אַן אומבאַקאַנטן מאַן, וואָלט זי זיך אַט דאָ נעבן אים ניט אַוועקגעזעצט. פאַראַן דאָ אַרום גענוג ליידיקע בענק..."

זי איז געזעסן אויפן צווייטן עק פון „זיין" באַנק האַלב אָפּגעקערט פון אים, געקוקט איינזייטיק אַהין, וואו די זון האָט געהאַלטן אין פאַרגיין, ווי אַ גרויס אויג, וואָס פאַרמאַכט זיך לאַנגזאַם, לאַנגזאַם, ביז עס ווערט פאַרשטעלט פון די ברעמען.

— ענטשולדיקט! — האָט זיך ביי אים, ווי פון זיך אַליין אַרויסגעריסן.

איבערראַשט, אָבער ניט בייז, האָט זי צו אים אַ קער געטאָן אירע בליקן.

— ענטשולדיקט, קענט איר מיר אפשר זאָגן, ווי מען רופט אָט די „נייע" גאַס, אָט דאָ אַנטקעגן פּאַרק? — האָט ער ניט זיכער געפרעגט.

— נייע גאַס? — ס'איז ניט קיין „נייע" גאַס, ס'איז שוין אַן „אַלטע" — האָט זי ווי שמייכלענדיק געענטפערט.

— ווי אַלט אַ שטייגער?

— וואָס־זשע, איר וואוינט דען ניט אין דעם געגנט, וואָס איר זייט ניט באַקאַנט מיט די גאַסן? — האָט זי זיך ווי געוואונדערט.

— איך האָב דאָ אין דעם געגנט אַמאָל געוואוינט אַ סך יאָרן, אָבער דאַמאָלט איז נאָך דער געגנט דאָ געווען זייער ווייניק באַוואוינט, מיט ווייניק גאַסן און הייזער.

— און ווי לאַנג זייט איר שוין ניט געווען אין דעם געגנט? — האָט זי נייגעריק געפרעגט.

— אָ, שוין בײַ צען יאָר.

— האָט זיך דאָ טאַקע אַזוי פיל געענדערט דורך דער צייט?

— זייער, זייער פיל, כ׳דערקאָן כמעט ניט דעם געגנט. אַלץ ווייזט דאָ איצט אויס אַנדערש. אָט די גאַס, וועגן וועלכע איך פרעג אייך, איז נאָך דאַמאָלט אינגאַנצן ניט געווען. דאָרט איז געווען אַמאָל אַ טאָל, אַ זומפּ.

— מערקווירדיק! — האָט זי פאַרחידושט אַרויסגערעדט.

נאָכדעם איז שוין זייער געשפּרעך געוואָרן היימישער, אינטימער. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי אויך זי וואָלט צופרידן געווען, וואָס זי האָט אין אָט דער שטילער און איינזאַמער סוף־זומער פאַר־נאַכט־שעה, מיט וועמען זיך צונויפצורעדן.

זי איז שוין מער ניט געזעסן אין אַ פרעמד־זייטיקער פּאָזע. פאַר־קערט, זי האָט זיך צו אים דערנענטערט, געוואָרן מיט אים היימישער, געקוקט אויף אים מיט צוטרויען.

דער אָוונט האָט אָנגעהויבן צופאַלן, ס׳איז געוואָרן טונקל די בוימער שאָטנדיקער, און דאָס גראָז שוואַרץ־פלעקיק, ווי מען וואָלט עס אין דער גיך, ניט־פאַרזיכטיק אָפּגעפאַרבט.

העלער האָט באַמערקט, ווי זי ווערט אומרואיק, באַוועגט זיך אומ־רואיק אויף דער באַנק, ווי זי וואָלט ניט געקאָנט באַשליסן צי זי זאָל נאָך דאָ בלייבן אָדער אַוועקגיין.

— וואָלט איר געוואָלט אַ ביסל זיך דורכגיין? — האָט ער אין אַ צאַרטן, כמעט בעטנדיקן טאָן בײַ איר געפרעגט.

זי האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט, ווי זי וואָלט זיך געשובט, ענד־לעך פריינטלעך אַרויסגערעדט:

— גוט, לאָמיר גיין!

שפּאַצירנדיק האָט ער פון איר ניט אַרונטערגענומען די אויגן. די עלעקטרישע פּאַרק־ליכט האָבן שוין געברענט און באַלויכטן איר גאַנג, וואָס איז געווען יונג־מיידעלש, בויגזאַם, רירעוודיק און פול מיט גראַציעזע באַוועגונגען.

אַ מערקווירדיקע פרייד האָט אים אַרומגענומען. עס האָט אים אויסגעוויזן אַזוי נײַ און מאָדנע, וואָס ער, דער מיטליעריקער, דער שוין נאָענט צו די „פופציקער", שפּאַצירט זיך דאָס אַזוי מיט אַ מיידל, וואָס איז אַי שיין, אַי אַ העלפט אַזוי אַלט ווי ער. שוין לאַנג, זייער לאַנג, אַז ער האָט אַזעלכעס ניט דורכגעלעבט און דורכגעפילט.

ער האָט אויף אָט דער פּאַסירונג געקוקט ווי אויף אַ גרויס גליק, וואָס איז אים צוגעשיקט געוואָרן פּונקט איצט, ווען דער זומער ענדיקט זיך, און געענדיקט זיינען אויך זיינע יונגע זומער־יאָרן, ווען יונגע, שיינע מיידלעך כאַפּן זיך שוין ניט מער צו שפּאַצירן מיט איינעם אין זיין עלטער.

די, מיט וועמען עס קומט אים לעצטנס אויס צו שפּאַצירן, זיינען שוין מייסטנס מאַמעס, און אַמאָל יונגע באָבעס. און מיט אַמאָל אַזאַ גליק! אַזאַ אומגעריכט גליק!

ער איז געגאַנגען נאָענט ביי איר זייט, און געפילט, ווי ער אַליין וואָלט אויך יונגער געוואָרן מיט אַ סך יאָרן... זיין גאַנג איז געווען אַזוי לייכט, און זיינע טריט — ווי זיי וואָלטן זיך געלאָזן אין אַ טאַנץ.

זיי האָבן גערעדט וועגן פאַרשיידענע זאַכן. ס'הייסט גערעדט האָט ער און זי האָט זיך צוגעהערט, צו אַלץ וואָס ער זאָגט און דערציילט, מיט אַ טיפן אינטערעס. פון צייט צו צייט האָט זי אים עפּעס געפרעגט און ער האָט מיט גרויס הנאה און דאַנקבאַרקייט אויף איר פראַגע געענטפערט.

און גערעדט האָט ער מיט האַרץ, מיט געפיל, ווי ער וואָלט מיט זיינע ווערטער זוכן אַריינצודרינגען אין איר יונגען געמיט, ווירקן אויף איר יונג־מיידלשן געפיל, ווי אַן עלטערער פידל־קינסטלער, וואָס וויל מיט זיין קינסטלערישן שפּילן מאַכן פאַרגעסן דעם עולם אַן זיין עלטער.

אַ פּאָר שעה האָבן זיי אַרומגעשפּאַצירט אין דער שטילער מע־לאַנכאָלישער סוף־זומער־נאַכט, און קיין איין מאָל אַפילו ניט דערמאָנט וועגן עפּעס וואָס זאָל האָבן אַ שייכות צו זייער אייגענעם לעבן. זיי האָבן אַפילו ניט געפרעגט איינער דעם צווייטנס נעמען און אַדרעסן, ווי זיי וואָלטן עס דערוויל געהאַלטן פאַר איבעריק און ניט וויכטיק.

ווען זיי זיינען מיד געוואָרן פון שפּאַצירן און ער האָט איר פאָרגעשלאָגן זיי זאָלן זיך אַוועקזעצן אויף אַ באַנק און זיך אָפּרוען, האָט זי גלייך צוגעשטימט.

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט גאָר נאָענט לעבן אים, אַזוי אַז ער האָט אַזש געפילט איר יונגען אָטעם, איר יונג־מיידלשער „היפּש" האָט זיך ווי איינגענורעט אַן זיין זייט און אים געוואַרעמט ווי אַן איינגענורעט יונג קעצעלע...

איצט האָבן זיי ביידע געשוויגן. זיך צוגעהערט ווי די בלעטער,

אומזעבאַרע, פאַלן מיט אומעטיקן נאַכט געמורמל, ווי דער אין מיטן־נאַכט טיק־טאַק פון אַ זייגער בײַם בעט פון אַ חולה.

דאָס מיידל האָט זיך ווי פאַר עפּעס דערשראָקן, און זיך שטאַרק צוגעטוליעט צו אים. ער האָט זי לייכט און צאַרט אַרומגענומען, ווי ער פלעגט עס טאָן אין די יונג־בחורשע יאָרן מיט איינער וואָס איז געווען אין זיין עלטער.

אויך איצט, זיצנדיק מיט איר אין אַזאַ נאָענטקייט, האָט ער געפילט, ווי מיט יעדער מינוט וואָס פאַרשווינדט, פאַרשווינדט פון אים אַ יאָר פון זיין עלטער... ער ווערט יונגער, יונגער... ער איז ניט מער צווײ מאָל אַזוי אַלט ווי זי, ער איז אין אירע יאָרן — אַלט אַ יאָר צוויי־און־צוואַנציק. פול מיט מוט און לעבן... מיט יעדן גלעט וואָס ער גיט איבער איר שטערן, האַלדז, און אויגן, פאַלן אַרונטער פון אים יאָרן, און מיט יעדן קוש און אומאַרמונג פאַלן אַרונטער פון אים צענדליקער יאָרן... ער איז שוין באַלד יונגער פון איר...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ס'איז שוין געווען דריי בײַנאַכט ווען זיי האָבן זיך געכאַפּט, אַז עס איז שוין שפּעט און מען דאַרף גיין אַהיים.

געאַרעמטע, פריילעכע, יונגע און זינגנדיקע, האָבן זיי שפּאַצירט אויפן וועג צו איר וואוינונג, וואָס איז געווען ניט ווייט פון פּאַרק.

זי איז מיטאַמאָל שטיין געבליבן און באַמערקט, אַז ער דאַרף זי ניט צופירן ביז אין הויז, און אָפּגעמאַכט מיט אים זיך צו טרעפן אין אַ פּאָר טעג אַרום אויפן זעלבן פּלאַץ אין דער זעלבער צייט.

זי האָט אים האַרציק און פריינטלעך געדריקט די האַנט און איז פאַרשוואונדן אין דער טונקלקייט פון דער נאַכט אויפן וועג צו איר היים.

גייענדיק אַזוי שפּעט אַליין דורכן פּאַרק, האָט ער ניט געפילט קיין שרעק, קיין סוף־זומערדיקן אומעט. ניט געהערט דאָס אומעטיקע פאַלן פון די בלעטער. ער איז געגאַנגען אַן אויפגעלעבטער, אַן אויפגעלויכטענער, פול מיט יונגען מוט און שטרעבן, ווי דער זומער וואָלט זיך איצט פאַר אים אָנגעהויבן. זיינע טריט האָבן יונג און לייכט אונטערגעטאַנצט. עס האָט זיך אים דערמאָנט אַ לידל פון זיינע יונג־בחורשע יאָרן, און ער האָט זיך צעזונגען.

אין דעם אָוונט, וואָס ער האָט זיך מיט איר געדאַרפט טרעפן, איז ער נאָך פריער ווי עס איז געווען אָפּגערעדט שוין געזעסן אויף

דער זעלבער באַנק, און אויף איר געוואַרט. זיין גאַנץ וועזן איז געווען באַהערשט פון עפּעס אַזאַ מאָדנעם, יום טובדיקן געפיל. אַזאַ געפיל האָט ער אפשר בלויז איבערגעלעבט אין די אינגלשע יאָרן ווען עס איז אָנגעקומען אַ יום־טוב, און מען האָט אים פריי געלאָזט פון חדר.

ער האָט געהאַלטן אין איין קוקן אויפן זייגער. ביי יעדן שאָרך פון אַן אַראָפּגעפאַלענעם בלאַט האָט ער זיך אַ פריילעכן צאַפּל געטאָן, מיינענדיק, אַז אָט־אָט קומט זי.

ווען עס איז אַריבער די באַשטימטע צייט און זי האָט זיך ניט באַוויזן, האָט ער שוין אָנגעהויבן פילן אַ ביסל אומרואיק, אָבער נאָך אַלץ האָפנונגספול. ס'האָט זיך אים ניט געוואָלט גלויבן, אַז זי וועט אים אַנטוישן און ניט קומען, נאָך אַזאַ שיינעם אָוונט ווי זיי האָבן פאַרבראַכט. ווי קען עס גאָר מעגלעך זיין?...

אָבער מיט יעדער מינוט וואָס איז אַוועק און זי איז נאָך אַלץ ניט געווען, האָט זיך זיין האָפענונג גענומען לעשן.

ער האָט געהאַלטן דעם זייגער אין האַנט און מיט יאושדיקע בליקן געקוקט ווי די ווייזערס רוקן זיך לאַנגזאַם, לאַנגזאַם און יעדע מינוט האָט זיך פאַר אים געצויגן אַ יאָר...

ער האָט געפילט ווי מיט יעדער מינוט וואָס פאַרשווינדט און זי איז ניטאָ, קומט צוריק צו אים די עלטער. אַ מינוט — אַ יאָר. פינף מינוטן — פינף יאָר. אַזוי בסדר.

ווען ער האָט זיך אַ דערשלאָגענער אַן איינגעקאָרטשעטער, אויפגעהויבן אַוועקצוגיין, האָט ער שוין געפילט ווייט אַריבער זיין ריכטיקן עלטער, שיר ניט אַ — אַ זקן...

## אַ שיינע פרוי

אַלע יאָרן האָט בינדער געגאַרט נאָך דער שיינקייט פון פרויען. נאָך אין דער אַלטער היים אַלס חדר־אינגל האָט ער שוין ליב געהאַט צו קוקן אויף שיינע מיידלעך. ניט אַרונטערגענומען די אויגן פון זיין רבינס טאָכטער חנה, וועלכע איז דאַן אַלט געווען זיבעצן יאָר און געשמט אין שטעטל פאַר אַ שיינע.

פון די פילע מיידלעך, וואָס זיינען געקומען צו זיי אין הויז, זיין שוועסטערס חברטעס, האָט ער בלויז אויסגעקליבן צוויי, אסתר און רחל, וועלכע זיינען געווען די שענסטע. שטילערהייט אויף זיי געקוקט און זיך אײנגעלעש געקוויקט מיט זייער שיינקייט.

ווען ער איז אַלט געוואָרן זיבעצן יאָר, האָט ער ליב באַקומען פּאָר איר שיינקייט נחמהן, דעם שטעטלשן אַפּטייקערס טאָכטער, אַ זעלטן שיין מיידל, מיט וועלכער ער האָט צוליב זיין ניט־גלייכן שטאַנד אַפילו די זכיה ניט געהאַט אויסצורעדן אַ וואָרט, ווער שמועסט נאָך באַקאַנט צו ווערן מיט איר נענטער. דאָס האָט אים אָבער ניט אָפּגעהאַלטן פון שטיין און וואַרטן אויף איר שעה'ן לאַנג ביז זי וועט פאַרבייגיין זייער הויז אויפן וועג צום פּאָסט־אָפיס אָפּנעמען בריוו און צייטונגען, צו קענען אַ קוק טאָן אויף איר שיינעם פּנים. פון דער ווייט פלעגט ער שטיין און קוקן אויף איר, ביז זי פלעגט פאַרשוואונדן ווערן פון זיינע אויגן. מאַנכעס מאָל איר אַפילו שטיל און אומבאַמערקט נאָכגעגאַנגען...

בינדער האָט שטענדיק געהאָפט, אַז ער וועט חתונה האָבן מיט אַ שיין מיידל. דאָס איז ביי אים געווען איינע פון זיינע שטאַרקסטע שטרעבונגען. פּונקט ווי אַנדערע שטרעבן צו געלט אַ גרויסן נאָמען און צו אַנדערע גרויסע זאַכן, אַזוי האָט ער געשטרעבט צו האָבן אַ שיינע פרוי.

אָבער שטרעבונגען און חלומות ווערן זעלטן פאַרווירקלעכט, איבערהויפּט ביי אָרעמע מענטשן. און בינדער איז געבוירן און דער־צויגן געוואָרן אין אָרעמקייט און איז פאַרבליבן אָרעם, אַפילו דאַן ווען ער איז שוין געווען אַ חתן־בחור און געשטאַנען אין שידוכים.

די שיינע מיידלעך פון שטעטל האָבן אויף זיך לאַנג ניט געלאָזט וואַרטן. זיי זיינען „אויסגעכאַפּט" געוואָרן פון יונגעלייט, וועלכע האָבן מאַטעריעל זיי געקענט בעסער פאַרזאָרגן. נאָך אים, בינדערן, וואָס ער איז קיינמאָל קיין גרויסער פאַרדינער ניט געווען, האָבן זיך די שיינע מיידלעך ניט געיאָגט.

חתונה געהאַט האָט בינדער דווקא ניט מיט קיין שיינע; ס'איז געווען דעמאָלט, ווען ער איז צוריקגעקומען פון סלוזשבע אַן אָרעמער, אַ נאַקעטער, ניט געהאַט מיט וואָס צו באַקליידן זיך. איז אונטער־געשפּרונגען טוביה דער שדכן מיט אַ „גליק־שידוך" און איידער ער האָט נאָך צייט געהאַט זיך אומצוקוקן איז ער שוין געווען אַ באַווייבטער...

---

זייט דאַן זיינען שוין אַוועק אַ סך יאָרן. בינדער מיט זיין פאַ־מיליע געפינען זיך שוין לאַנג אין אַמעריקע. ער האָט שוין דער־

וואַקסענע קינדער, אַ זון וואָס „גייט שוין אויס" מיט מיידלעך און קלייבט זיך שוין חתונה צו האָבן.

דאָ אין לאַנד גייט בינדערן דווקא ניט שלעכט, ער מאַכט אַ פיינעם לעבן און וואָלט, אייגנטלעך, באַדאַרפט זיין צופרידן. טראָגט ער זיך אָבער נאָך אַלץ אַרום מיט אַן אַלטע וואונד, וועלכע קען זיך בשום־אופן ניט פאַרהיילן.

נאָך ביז היינט טראָגט ער זיך אַרום מיט אַ שטילן פאַרדראָס אין האַרצן, פאַרוואָס די נויט האָט אים דעמאָלט געצוואונגען חתונה צו האָבן מיט ניט קיין שיינער פרוי. כאָטש אין אמתן איז זיין פרוי ניט קיין מיאוסע, אָבער פון ניט־מיאוס ביז שיין איז ביי אים אַ גרויסער אונטערשייד.

קיין שלעכט לעבן מיט זיין פרוי האָט בינדער ניט. וואָס האָט ער דען, אייגנטלעך, צו איר? אַזוי איז זי אַ גאַנץ וואוילע ווייב, און אַ גוטע מאַמע צו די קינדער. צופרידן אָבער איז ערניט. עפּעס דריקט אים, עפּעס וויינט אין אים שטילערהייט. ער האָט אַלע יאָרן דאָס געפיל, אַז דאָס לעבן האָט אים אָפּגענאַרט.

„עך, ווען ער וואָלט געהאַט אַ שיינע ווייב, ווי גליקלעך וואָלט ער געווען! אַ שיינע פרוי איז אַ פרייד אין הויז און אַ ליכט אין די אויגן" — טראַכט ער אָפט, און זיין פּנים פאַרציט זיך מיט בענקשאַפט...

בינדער איז אָבער זיכער, אַז זיין אייביקער חלום וועגן אַ שיינע פרוי וועט שוין קיינמאָל ניט פאַרווירקלעכט ווערן. זיין לעבן גליטשט זיך שוין באַרג־אַראָפּ און ער האָט שוין קיין כח ניט אָפּצושטעלן זיך אין מיטן, צוריקצוכאַפּן דעם שיינעם חלום פון זיין יוגנט. ער וועט זיך שוין אַזוי קייקלען ווי אַ פּוסטע פאַס ביז אַרונטער...

דערפאַר אָבער האָט ער געהאַט גרויס האָפענונג אויף זיין זון. געווען זיכער, אַז ער וועט פאַרווירקלעכן דעם חלום, וואָס אים, זיין פאָטער, איז ניט באַשערט געווען.

זיין זון וועט אַוודאי שוין חתונה האָבן מיט זייער אַ שיינע פרוי, און זיין שטענדיקע פאַרבענקטע נשמה וועט דורך אים באַקומען אַ תיקון...

און ווען ער האָט אַמאָל געטראָפן זיין זון גיין מיט אַ שיין מיידל, האָט זיך אין אים דאָס האַרץ אַ צאַפּל געטאָן פאַר גדולה. דער אַלט־יונגער געפיל האָט אין אים ווידער אויפגעלעבט, און מיט

באַגייסטערונג, וואָס האָט דעם זון פאַרוואונדערט, האָט ער צו אים שפּעטער געזאָגט:

— פיין, פיין, מיין זון! אָט מיט דער מיידל זאָלסטו חתונה האָבן, דו הערסט? אַ שיין מיידל, זאָל איך שוין האָבן אַזאַ יאָר! אַ מחיה אויף איר צו קוקן.

— באָט, פאַ, די מיידל איז דאָך „פּור", פאַרמאָגט ניט אַ צענט, און איך, יו נאָו, מוז האָבן געלט צו ביזנעס, — האָט דער זון אים געענטפערט.

איז דער פאָטער געוואָרן אַן אויפגעקאָכטער און מיט כעס האָט ער אַרויסגעפּלאַצט:

— פע, שעם זיך! פון געלט רעדסטו גאָר? אַז דו וועסט האָבן אַ שיינע ווייב, איז דיר ווייניק?... געדענק, וואָס איך זאָג דיר, דו הערסט! האָב חתונה מיט אַ שיין מיידל, אַז ניט וועסטו אַלע יאָרן חרטה האָבן...

דער זון האָט געשמייכלט. ניט געקענט פאַרשטיין, פאַר וואָס דעם פאָטער גייט אַזוי אין לעבן ער זאָל דווקא חתונה האָבן מיט אַ שיינע, אַפילו ווען זי איז אַן אָרעמע...

---

חתונה געהאַט האָט דער זון שוין גאָרניט מיט קיין שיינער, דערפאַר אָבער האָט זי געהאַט אַ סך געלט און אַ גרויסע מילינערי־ביזנעס.

פאַר בינדערן איז דאָס געווען אַ גרויסער קלאַפּ. ער האָט זיך געפילט אַנטוישט, דערשלאָגן און ווידער אַ מאָל אָפּגענאַרט. אַ ברוגזער, אַן אומעטיקער און אַ שווייגנדיקער האָט ער זיך אַרומגעדרייט„ האָבנדיק דאָס זעלבע געפיל ווי אַמאָל גלייך נאָך זיין אייגענער חתונה.

אויפן זון איז ער געווען שטאַרק אויפגעבראַכט. געהאַט דאָס געפיל, אַז ער האָט דורך אים פאַרלאָרן דאָס, נאָך וואָס ער האָט אַלע יאָרן געשטרעבט — נאָך דער שיינקייט פון אַ פרוי, וואָס זאָל אים זיין נאָענט און אייגן, וואָס זאָל פאַרהיימלעכן זיין הויז און באַלייכטן זיין לעבן.

און זי, די שנור זיינע, איז אַזוי ענלעך צו זיין ווייב, אַז עס דאַכט זיך אים אָפּט, אַז ביידנס פּנימער זיינען איינס און דאָס זעלבע. ביידע גלייך — ניט שיין...

# אַמאָל און היינט

גענוען אַ צייט, ווען ביידע, דער מאַן און די פרוי, האָבן געהאַט גרויסע שטרעבונגען. די שטרעבונגען זיינען ניט געווען קיין געמיינשאַפטלעכע, נאָר באַזונדערע. יעדער איינער פון זיי האָט עפּעס געוואָלט זיין, עפּעס ווערן, דערגרייכן יענעם אומבאַקאַנטן „עפּעס", וואָס טרייבט מענטשן צו פאָרשריט און פּראָגרעס.

אָבער ביידע האָבן זיי ניט געהאַט אין זיך דעם געטלעכן געשאַנק, וואָס פירט די „גאָט־געבענטשטע" אַרויס פון אונטער דעם פאַרבאָרגענעם, ניט־דורכזיכטיקן שלייער צו דער אָפענער לעבנס־בינע, וואו מען ווערט באַגעגנט מיט אָנערקענונג.

ער האָט געקענט אַ ביסל מאָלן. זי האָט געקענט אַביסל זינגען. איז איין האַלבע הויז, וואו זיי האָבן געוואוינט, געווען אָנגעפּילט מיט בילדער. וואו מען האָט זיך געגעבן אַ ריר האָט מען זיך באַגעגנט מיט בילדער פון קעפּ, אויגן, מיט וועלכע עס זיינען געווען באַהאַנגען די ווענט, פאַרלייגט די טישן, אַפילו די פּאָדלאָגעס. מאַנכע פון די בילדער זיינען שוין געווען פאַרטיקע, מאַנכע אָנגעפאַנגענע, און מאַנכע אינמיטן דער אַרבעט.

איבער דער צווייטער האַלבער וואוינונג האָט זיך אַרומגעוואַלגערט איר „קונסט". אויף דער פּיאַנאָ, אויף די פאַליצעס, אויף די טישן, זיינען געלעגן פּעק ביכער מיט נאָטן... דאָס קינד, אַ מיידעלע פון אַ יאָר פיר, האָט זיך געשפּילט מיט די נאָטן.

דער מאַן האָט געזוכט צו דערגרייכן זיין ציל דורך שווערער, מיזאַמער אַרבעט. ער פלעגט מאָלן יעדע מינוט פון זיין פרייע צייט, קומענדיק אַהיים פון דער אַרבעט (פון וואָס ער האָט געמאַכט אַ לעבן). די פרוי, ווידער, האָט אָנגעווענדט וואו נאָר אַ מיטל צו קענען וואָס שנעלער דערגרייכן איר ציל, וועלכער איז געווען די אָפּערע־בינע, ווייניקסטנס די קאָנצערט־בינע.

מיט אַלע כוחות האָט זי זיך געזוכט אַריינצורייסן דאָרט, וואו עס איז נאָר געווען אַ מעגלעכקייט זיך צו טרעפן מיט מענטשן, וועלכע זיינען געווען פאַרבונדן מיט דער מוזיקאַלישער וועלט. מיט פאַרשיידענרליי קאָקעטישע דריידלעך און פרויען־מיטלען האָט זי געזוכט צוצוציען צו זיך יונגעלייט, וועלכע, ווי זי האָט געגלויבט, האָבן אַן איינפלוס און קענען מיט זייער איינפלוס איר העלפן.

איז שוין אַזוי אויסגעקומען, אַז זי איז אַריינגעוועבט געוואָרן אין פאַרשיידענע ליבעס־פּלאָנטערס מיט פאַרשיידענע יונגעלייט, וועלכע האָבן איר איינגערעדט, אַז זיי זיינען געוואַלדיקע אויפטוער... און זי, גלויבנדיק אַז זי באַזיצט די גאָט־געבענטשטע אַרטיסטישע מעגלעכקייטן, האָט באמת געגלויבט, אַז אָט־די מענטשן וועלן איר פירן אויפן וועג צו דערפאָלג...

געפירט האָבן זיי איר אָבער אין די קאַפעס, רעסטאָראַנען און אַלע אַנדערע „אַרטיסטישע" ערטער, וואו מען זיצט ביז שפּעט אין דער נאַכט און מען רויכערט, מען טרינקט און מען רעדט כלומרשט פון קונסט אָבער אין דער אמתן איז די קונסט מיילן־ווייט פון זיי...

דער מאַן האָט אָנגעהויבן איינזען, ווי זיין פרוי, די „אַרטיסטין", פאַרשווינדט נאַכט־איין־נאַכט פון דער היים. זי האָט אויפגעהערט צו זינגען, און צו דער פּיאַנאָ זיך אַפילו מער ניט צוגערירט. ער, וועלכער איז יעדע פרייע מינוט געזעסן ביים לייוונט און געמאָלן, האָט ניט געקענט פאַרשטיין, ווי אַזוי מען קען עפּעס דערגרייכן, ווען מען לויפט אַרום גאַנצע נעכט.

האָט ער אָנגעהויבן שטעלן פראַגעס:

— סאָניע, וואוהין לויפסטו אַרום? פאַרוואָס לערנסטו בעסער ניט? איך הער דיר שוין ניט זינגען פון וואָכן לאַנג, און צו דער פּיאַנאָ רירסטו זיך מער ניט צו...

— וואָס הייסט, איך לערן זיך ניט? דו ווילסט אַ סך דערגרייכן, אַז דו וועסט זיצן אויף איין אָרט..

— אָבער וואָס האָסטו פון לויפן? דאָס קינד ווערט פאַרנאַכלעסיקט, די הויז איז ניט אין אָרדענונג און דו אַליין ביזט מיד און פאַרמאַטערט פון ניט דערשלאָפן און ניט רוען.

— גיי, דו האָסט ניט קיין אַרטיסטישע נשמה! ס'איז אין דיר ניט פאַראַן דער געבוירענער טאַלאַנט. ווען ס'וואָלט אין דיר געלעבט דער אַרטיסט, וואָלסטו ניט געשטעלט אַזעלכע פראַגעס.

— גוט, וועל איך אויך פאַרשווינדן אויף גאַנצע נעכט! — האָט אין אים אַ ברען געטאָן דער „אַרטיסט". — וואָס בין איך עפּעס ערגער פון דיר? אויב מען דאַרף לויפן, וועל איך אויך...

— ווער לאָזט דיר דען ניט?

— און וואָס וועט זיין מיטן קינד?

— קינדער פון אַרטיסטן דאַרפן ניט שטערן די עלטערן צו דערגרייכן זייערע צילן...

און דאָס קינד האָט זיי טאַקע ניט געשטערט. ניט געשטערט אַזוי לאַנג, ביז עס איז ערנסט קראַנק געוואָרן פון פאַרנאַכלעסיקונג און אפשר פון הונגער.

---

ביידע, דער פאָטער מיט דער מוטער, זיינען געזעסן ביים קינדס קראַנקן בעט און זיך שטיל דורכגערעדט.

— זע וואָס דו האָסט געמאַכט פונעם קינד! — האָט ער איר פאַר־געוואָרפן. — טוט אַזוי אַ מאַמע?

— און דו? — האָט זי אים צוריק געענטפערט.— האַנדלט אַזוי אַ טאַטע?

— עס קען אַזוי ווייטער ניט גיין! — האָט ער אַנטשלאָסן אַרויס־גערעדט. — אַט זיינען שוין אַוועק מאָנאַטן און דו הערסט אַלץ ניט אויף אַרומצושלעפן זיך און איך זע ניט איין וואָס פאַר אַ הילף עס האָט געבראַכט דיין קונסט.

— און וואָס איז מכח דיין קונסט?...

— איך וועל זיך ניט שעמען צוצוגעבן, אַז איך בין אַ דורכפאַל וואָס עס אַנבאַלאַנגט מיין קונסט... כ׳וועל אויפהערן.

— אַזוי רעדט אַ קינסטלער?...

— מן הסתם בין איך עס ניט. ווען איך וואָלט עס געווען, וואָלט איך אפשר אַזוי ניט גערעדט. איך האָב אָבער דעם מוט צוצוגעבן, און דו האָסט עס ניט!

— וואָס מיינסטו מיט דעם?

— כ׳מיין גאָר פשוט: מיר זאָלן זיך ביידע אַרויסשלאָגן פון קאָפּ, אַז מיר זיינען אַרטיסטן. איך וועל אַרבעטן און מאַכן אַ לעבן, און דו קער זיך אום צוריק צו דיין היים, צו דיין קינד, איידער עס ווערט צו שפּעט...

די פרוי האָט ניט געענטפערט, פאַרביסן די ליפּן און געשוויגן.

— באַרעכן, — האָט דער מאַן ווידער גערעדט — ס׳איז דאָ אַ געפאַר, מיר זאָלן פאַרלירן אונדזער היים, אונדזער קינד, מיר זאָלן זיך פאַרלירן ביידע... אויב ס׳איז ביי דיר רעכט, טו ווי דו ווילסט, קלייב אויס איינס פון די צוויי...

---

היינט, ווען מען קומט אַריין צו די „אַרטיסטן" אין הויז, דערקענט מען ניט דעם אויסזען סיי פון מאַן און פרוי, סיי פון דער הויז. ווי אַנדערש אַלץ זעט אויס, ווי אַלץ האָט זיך געביטן!...

ניטאָ מער קיין סימן פון זיינע בילדער, און פון אירע בלעטער מיט נאָטן... אַלץ איז אַזוי באַלעבאַטיש איינגעריכט: שיינע מעבל, צו־פרידן־אויסזעענדיקע פנימער. און דאָס קינד, וואָס איז שוין עטלעכע יאָר עלטער, איז געזונט און קינדערש צופרידן.

אַ גליקלעכע היים, אָבער אָן אַ נשמה.

אַמאָל, אין יענע יאָרן, איז, אמת, די נשמה פונעם הויז געווען אַ קראַנקע, אָבער דאָך אַ נשמה. היינט — איז זי אינגאַנצן ניטאָ מער — אויסגעגאַנגען...

## אויף ווי לאַנג?

די פאָר יאָר, וואָס זעלדין איז פאַרהייראַט, האָט ער שוין איבער־געלעבט אַלע פריידן און לײַדן, וואָס זײַנען געוויינלעך פאַרבונדן מיטן פאַמיליען־לעבן.

ער האָט שוין, ווי מ'זאָגט, געהאַט קאַלט און וואַרעם, סיי פון די טיף־אינערלעכע געשעענישן און פאַסירונגען, וועלכע קומען פאָר „צווישן זיך" און בלײַבן פאַרבאָרגן פאַר דער עפנטלעכקייט, סיי פון די אויסערלעכע אומגעבונגען, מיט וועלכע דאָס לעבן פון אַ פאַרהייראַט פּאָרל איז אַרומגערינגלט און וואָס מען קען ניט פאַרבאָרגן פון פרעמדער נייגעריקייט...

ווען זעלדין איז מיט זיך אַליין אין הויז, בלײַבט ער זיצן פאַר־טראַכט... זײַנע בליקן וואַנדערן אַרום פון איין ווינקל צום אַנדערן... ס'איז אַלץ אַזוי שיין און ריין, טראַכט ער, אַ שיינע היים, אָן אויפ־געראַמטע; אָבער צו־וואָס אַזאַ גרויסע, אַזאַ געראַמע, מיט מעבל, מיט כלים און מיט אַלע באַלעבאַטישקייטן, וועלכע פאָדערן, אַז מען זאָל אויף דעם אַזוי פיל אַכטונג געבן, אַזוי פיל כוחות אַוועקלייגן — אַט־דאָס אַלץ צו האַלטן אין אָרדענונג?

היינט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט! — דאָס דערשרעקט אים שוין גאָר. דאָס אַלץ באַדאַרף דאָך האָבן אַן אָרט, אַ שטענדיק אָרט, וואו צו שטיין. און, ווי איז, אַ שטייגער, ווען ער האָט ניט, ווי עס טרעפט זיך אַמאָל מיט אַ מענטשן, מען ווערט אַמאָל קראַנק, אָדער ס'איז סלעק, מען פאַרדינט ניט, און קיין אָפּגעשפּאָרט געלט איז ניטאָ... וואָס טוט

מען דעמאָלט? וואו טוט מען דאָס אַלץ אַהין, — ס'קען דאָך אַמאָל פּאַסירן!...

ער דערפילט, ווי עס ווערט אים מיט אַמאָל אַזוי שווער... עס נעמט אים אויספעלן לופט... יעדער שטיקל מעבל, וואָס געפינט זיך אין הויז, פאַלט אויף אים אַזוי פיינלעך, דריקענד, אַז ס'פאַרכאַפּט אים דער אָטעם...

זיינע בליקן פאַלן אינסינקטיוו אויף דער טיר, וואָס פירט צום באָרדערס צימער... האַסטיק גיט ער זיך אַ הויב־אויף און מאַכנדיק אַ פּאָר אומרואיקע שפּרייזן, בלייבט ער שטיין ביים באָרדערס טיר, וואָס איז פאַרבליבן עטוואָס אָפן — אַ צייכן, אַז ער איז איצט ניטאָ.

פאַרזיכטיק און ניט זיכער עפנט ער די טיר, און מיט שטילע טריט, ווי ער וואָלט זיך פאַר עמעצן שרעקן, גייט ער אַריין אין באָרדערס צימער.

אין צימער איז קיינער ניטאָ. ס'איז שטיל... בלויז דער וועק־זייגער, וואָס שטייט אויפן דרעסער, קלאַפּט־אויס אומעטיק זיין טיק־טאַק... טיק־טאַק...

ער קוקט זיך שטיל אַרום אין אַלע זייטן און דערפילט זיך, ווי אין דער היים... זיין אַלט־פאַרגאַנגען לעבן לעבט מיט אַמאָל אויף אין זיין זינען... ער דערזעט זיך מיט אַמאָל אין זיין בחורשן צימער, וואו ער האָט פאַרבראַכט זיינע פרייע טעג און יאָרן... אָט איז דאָס אַלט־באַקאַנטע, שמאָלע בעטל... און דאָס פיר־עקיקע טישל, אויף וועלכן עס ליגן נאָך, דאַכט זיך, אַפילו די רעשטלעך פון די אויס־געברענטע סיגאַרעטלעך, וואָס ער האָט איבערגעלאָזן, ווען ער איז אַוועק צו זיין „אַפּוינטמענט"... און אָט שטייט אויפן טישל דאָס עלעקטרישע לעמפל, וואָס ער האָט געקויפט דעמאָלט, ווען ער האָט נאָך אַפילו ניט געדענקט פון חתונה האָבן... אַלץ, אַלץ איז אַזוי ענלעך צו זיין לעצטן צימער, אַז עס גלויבט זיך אים גאָר ניט, אַז ניט ער וואוינט אין אים, נאָר אַן עמעצער אַנדערש וואוינט שוין גאָר ביי אים...

ער זיפצט שטיל אָפּ... אַ טייער, פריי לעבן געווען דעמאָלט, טראַכט ער, וואָס האָט אים דעמאָלט געפעלט? געווען אַ מענטש אָן זאָרג, אָן אַ יאָך, און אָן אַזוי פיל מעבל אויף זיין קאָפּ... אַ צימער — דאָס אַלץ... ניט געווען געפעלן, איז ער זיך אַוועקגעגאַנגען מיטן

„סוט־קייס" אין דער האַנט און שאַ... שטיל... אַ האָן האָט אפילו ניט אַ קריי געטאָן.

ווער האָט אים געזאָגט דעות?...

ער זעצט זיך אַוועק, פאַררויכערט אַ סיגאַרעט, און צוגלייך מיטן שלענגעלדיקן רויך, לאָזן זיך אַוועק זיינע געדאַנקען ערגעץ־וואו צום אַלטן, בחורשן לעבן, נאָך וועלכן ער בענקט די מינוט אַזוי שטאַרק...

---

דעם דאָזיקן געפיל האָט זעלדין בלויז דעמאָלט, ווען עס טרעפן צייטן ווען דאָס לעבן גייט ניט אַזוי גלאַט; ווען ער שטויסט זיך אָן אָן אַזעלכע פּאַסירונגען און אַנטוישונגען, וועלכע מאַכן אים פילן, אַז דאָס פאַרהייראַטע לעבן איז דורכאויס אַ לאַסט... און אַז בלויז דורך אַן אומגליקלעכן פאַל איז ער פון אַט־דער שווערער לאַסט פאַרכאַפּט געוואָרן; אָבער אין דער אמת׳ן, האָט די גאַנצע הייראַט קיין צוועק און קיין זינען ניט און ס׳לוינט זיך ניט אַט־די גאַנצע שפּיל...

קומען אָבער אַנדערע צייטן, זיסע און מונטערע, ווען דאָס לעבן איז פול מיט ליכטיקע און פאַרביקע פריידן: ליבע, פאַרטרוילעכקייט און איבערגעגעבנהייט; ווען אַט־דאָס אַלץ צוזאַמען, וואָס ווערט אויס־געדריקט אין איין וואָרט: „גליק!" — פאַמיליען־גליק, טאַנצט אַרום איבערן הויז, פילט אָן אַלע ווינקעלעך און זינגט, דאַכט זיך, אַ ליד, אַ ליבעס־ליד, וואָס ווערט אַרויסגעזונגען פון צוויי הערצער און זעלן, וואָס האָבן זיך פאַראייניקט אין אַ געמיינשאַפטלעכן קאַמף מיטן לעבן, אַ קאַמף פאַר זייער עקזיסטענץ, פאַר זייער ליבע און פאַר זייער היים, וואָס ס׳איז דאָס אָרט, וואָס האַלט אויף אָט די אַלע זאַכן, וועלכע פאַר־פעסטיקן זייער אייביקן בונד...

אין אַזאַ צייט פילט זיך זעלדין שטאַרק און מונטער... מיט גליק־לעכע און פריידיקע בליקן קוקט ער אויף יעדע איינצלנע זאַך אין הויז, אַלץ איז אים אַזוי ליב און אנגענעם... עס הויכט צו אים פון יעדן ווינקל אַ וואַרעמע פרייד, וואָס פילט אָן זיין האַרץ מיט ליבשאַפט פאַר אַלץ און אַלעמען.'. און ער איז דעמאָלט שטאָלץ אויף „זיין" היים און ער בענטשט זי שטילערהייט... און ער לאָזט אויף זיין היים קיין שטויבעלע ניט פאַלן.... עפּעס אַ קלייניקייט, — טראַכט ער, — האָבן אַן אייגענע היים... עפּעס אַ קלייניקייט!...

און פול איז ער דאַמאָלט מיט מוט און בטחון. קיין זאַך, דאַכט זיך אים, איז פאַר אים ניט צו שווער צו טאָן זיין היים אויפצוהאַלטן; אַז

אין זיין היים זאָל גאָרניט פעלן, און ס׳וואָלט, דאַכט זיך, געווען ווי צו יענעם, וואָס וואָלט זיך אים שטעלן אין וועג און אויף אַזאַ אָדער אַן אַנדער אופן מאַכן אַ פאַרזוך צו צעשטערן די עקזיסטענץ פון זיין היים...

אויך דעמאָלט „גנבעט" זיך זעלדין אַריין אין זיין באָרדערס צימער.

אָבער וואָס פאַר אַן אונטערשיד פון געפיל... דאַכט זיך, בלויז איין שפּאַן פון זיינע צימערן צו אים, צום באָרדער, און ווי פאַרשיידנאַרטיק אַלץ ווייזט אויס אין זיינע אויגן.

עס ווילט זיך אים דאַמאָלט אויף קיין פאַל ניט גלויבן, אַז ער, זעלדין, האָט אַמאָל אַלס בחור געוואוינט אַליין אָט אין אַזאַ צימער... ווי שטיל, ווי שטום און ווי עלנט אַלץ ווייזט אויס... ווי עס וואָלט דאָ גאָרניט געלעבט קיין לעבן, וואָס דענקט, פילט, און האָט אַ נשמה...

דער זייגער, דער וועקער, קריכט שווער און וואַגיק מיט זיינע שעהען... דער טיקטאַק האַמערט טעמפּ און זיינע טיק־טאַקס פאַלן אַראָפּ ווי פאַרגליווערטע און צעשפּרייטן זיך איבער די ווינקלען, פון וועלכע ס׳קריכט דער אומעט...

אַן איינזאַם, וויסט לעבן! — טראַכט ער — און כאַפּט זיך צוריק אַרויס פונעם באָרדערס צימער...

און ווען ער דערפילט, אַז ער איז שוין ביי זיך... ווערט ער אַן אויפגעלעבטער, אָטעמט אויף פרייער, פאַרויכערט אַ סיגאַרעט און ציט זיך אויס אַ רואיקער און אַ צופרידענער אויפן ווייכן „קאַוטש"...

אויף ווי לאַנג?

# אויפברויז

זיי זיינען פאַרהייראַט אַ יאָר צען. האָבן דריי שיינע קינדערלעך און לעבן, ווי עס לעבן געוויינלעך מאַן און ווייב, נאָכדעם ווי עס גייט אַוועק אַ לענגערע צייט פון צוזאַמענלעבן; אַלץ ווערט איינגעשטעלט און אַריינגעפּאַסט אין די ראַמען פון פאַמיליען־לעבן; די הויז ווערט דאָס ווינקל, וואו ביידע „איכן" ווערן צונויפגעוואַקסן אין קעגנזייטיקע, געמיינשאַפטלעכע אינטערעסן, אָפּגעצוימט און אָפּגעזונדערט פון אַלץ, וואָס האָט ניט קיין שייכות מיט זייער היים און דער אַרומיקער אומגעבונג.

ביי ביידן איז שוין לאַנג קיין שפּור ניט געבליבן אַז זיי זיינען אַמאָל געווען צוויי באַזונדערע מענטשן, ווייט און פרעמד איינע פון די

אַנדערע; אַז יעדער איינער פון זיי האָט זיך געהאַט אַ באַזונדער וועלטל, זיך געלעבט אַ באַזונדערן אַרט לעבן אויפן בחורשן און מיידלשן אופן, געבוירן און דערצויגן געוואָרן אין באַזונדערע שטעט און היימען, און אַז בלויז אַ צופאַל האָט זיי צוזאַמענגעפירט, צונויפגעבונדן און זיי פאַראייניקט אַלס מאַן און ווייב.

איצט האָט מען צוזאַמען קינדער. מען פירט צוזאַמען דאָס ביסל אָרעמע באַלעבאַטישקייט, מען איז פאַראינטערעסירט איינע אין די אַנדערע, מען העלפט איינע די אַנדערע, און מען טראָגט צוזאַמען דעם פאַמיליען־יאָך, מיט אַלע שווערקייטן און פליכטן.

וואָס איז שייך ליבע, האָט דאָס וואָרט שוין לאַנג פאַר זיי פאַר־לאָרן יעדע באַדייטונג. מען האָט זיך, פאַרשטייט זיך, ניט פיינט, אָבער אָפּשטעלן זיך אויף אַזאַ וואָרט ווי ליבע — צו דעם איז שוין ניטאָ מער קיין צייט און קיין געדולד. עס זיינען פאַראַן אַ סך נויטיקערע זאַכן פון וואָס צו טראַכטן. אַרבעטן אין שאַפּ צו פאַרזאָרגן אַ פאַמיליע איז ניט אַזוי לייכט, און דערציען קינדער איז ניט קיין קלייניקייט; איז זיי ביידן דער קאָפּ גענוג פאַרדרייט.

אויסגעגאַנגען זיינען מאַן און ווייב ווייניק. ס'איז, ערשטנס, אַ שאָד געלט. דאָס וואָס עס באַדאַרף קאָסטן אין גאַס, קען מען פאַרנוצן פאַר דער הויז, און צווייטנס — קליינע קינדער. ביידע קענען פון הויז ניט אַוועקגיין און איבערלאָזן איינע די אַנדערע, און גיין אַליין — צו דעם האָבן זיי קיין פאַרלאַנג ניט.

פון אייפערזוכט האָט מער קיין רייד ניט געקענט זיין. ניט ס'איז געווען צו דעם די געלעגנהייט, ניט ס'וואָלט זיי ביידן אַמאָל איינ־געפאַלן, אַז זיי קענען נאָך ציען אויף זיך אויפמערקזאַמקייט — זי פון פרעמדע יונגע לייט, און ער פון פרעמדע פרויען. זייענדיק שטענדיק פאַרנומען, ער אין שאַפּ, און זי אין הויז מיט די קינדער, האָט מען גאָר ניט געטראַכט פון אָפּצוגעבן זיך מיט אַזעלכע זאַכן ווי זיך צו „פאַראינגערן" אָדער „פאַרשענערן"; פאַרקערט, זיי האָבן נאָך אויס־געוויזן עלטער ווי זיי זיינען אין אמתן געווען... איבערהויפּט זי, די פרוי.

---

האָט פּאַסירט, אַז ביידע האָבן געמוזט גיין צו אַ חתונה צו זייערן זייער אַ נאָענטן פריינט. דאָ האָבן זיי ביידע געמוזט אָנטאָן זיך ווי עס באַדאַרף צו זיין. צווישן מענטשן, איבערהויפּט נאָך צו אַ חתונה, מוז מען קומען שיין אויפגערוימט, מען זאָל האָבן אַ פּנים ביי לייטן.

די פרוי האָט אָנגעטאָן איר שענסטע קלייד, און כאָטש זי האָט נאָכן אַרומוואָשן און אויספּוצן זיך אויסגעזען אַ ביסל אינגער ווי געוויינלעך, האָט מען אָבער אויף איר פיגור געקענט דערקענען די מידע און אויס־געמאַטערטע מוטער, און אירע הענט האָבן געוויזן די צייכנס פון לאַנג־יאָריקער הויז־אַרבעט.

דער מאַן האָט גאָר ווי אָפּגעלעבט. נאָכדעם ווי ער האָט זיך אַרומ־געוואַשן, אָפּגעראַזירט גלאַט דאָס פּנים, אָנגעטאָן דעם נייעם „סוט״ איז אויף אים ווי אַ נייע הויט אַרויף. זיין גוף האָט זיך ביי אים אויס־געגלייכט, זיין פּנים האָט באַקומען אַ יונגן און פרישן אויסזען, כאָטש נעם און שטעל אים אַרונטער אונטער דער חופּה.

קומענדיק צו דער חתונה, איז דער מאַן אַליין איבערראַשט געוואָרן פון דעם גרויסן „היט״ וואָס ער האָט געמאַכט. פיל פון זיינע אַמאָליקע באַקאַנטע, איבערהויפּט די פרויען, האָבן זיך גאָר ניט געקענט אָפּ־לויבן פון זיין יונגן אויסזען.

— איר וויזט דאָך גאָר אויס ווי אַ נייער! — האָט אים איין ווייבל געמאַכט אַ קאָמפּלימענט.

— צען יאָר נאָך אַ חתונה און עס איז אויף אייך גאָר ניט קענטיק, אַז איר זייט אַ פאַרהייראַטער מאַן, — האָט אַ צווייטע באַמערקט.

דער מאַן האָט זיך געפילט געהויבן. ער האָט זיך מיט אַמאָל דער־זען אין אַן אַנדער ליכט, דערזען, אַז אַ חוץ דעם וואָס ער איז אַ מאַן פון אַ פרוי און אַ פאָטער פון קינדער, איז ער נאָך אויך אַ מענטש צווישן מענטשן. מען זעט אים, מען באַמערקט אים, אַפילו אין זיין אויסזען איז מען פאַראינטערעסירט.

נאָכדעם ווי ער האָט גענומען אַ ביסל בראַנפן, איז ער גאָר גע־וואָרן פריילעך און אויפגעלעבט. די מויל, וואָס איז יאָרן געווען ווי פאַרשטומט, וואָס פלעגט ריידן מיט זיין פרוי בלויז פון די נויטיקסטע הויז־זאַכן, האָט זיך מיט אַמאָל געעפנט. גערעדט מיט אַלעמען, זיך געוויצלט, אַפילו געלאַכט, וואָס דאָס איז ביי אים געווען אַזאַ זעלטנקייט.

איינע אַ באַקאַנטע, וועלכע האָט אים געקענט פאַר אַ גוטן טענצער נאָך פון דער צייט ווען זיי זיינען ביידע ניט געווען פאַרהייראַט, האָט אים איינגעלאַדן פאַר אַ טאַנץ. ער איז אַ ביסל צעטומלט געוואָרן, ניט געווען זיכער צי ער קען נאָך טאַנצן. ער האָט שוין אַזוי לאַנג ניט געטאַנצט. אָבער לאַנג טראַכטן האָט ער ניט געקענט, די מוזיק האָט

אַ קלאַפּ געטאָן און ער איז ווי אַריינגעשלעפּט געוואָרן אין דעם געדראַנג פון די טאַנצנדיקע פּאָרלעך, און ער האָט זיך שוין געמוזט מיטדרייען.

ס׳איז אים אָבער בלויז אָנגעקומען שווער צו מאַכן די ערשטע פּאָר „סטעפּס״. אַזוי שנעל אָבער, ווי ער האָט דערטאַפּט דעם „סטעפּ״, איז עס שוין ביי אים אַוועק ווי אַ מזמור. ער האָט דערפילט אַזוי לייכט, ווי עטלעכע פּעק מיט שווערער משא וואָלטן מיט אַמאָל פון אים אַרונטערגעפאַלן. און ער האָט זיך צעטאַנצט אויף זיין אַמאָליקן בחורשן שטייגער. נאָך מיט מער פייער, מיט מער ברען, ווי ער וואָלט געוואָלט פון זיך אַרויסטאַנצן אַלץ וואָס איז אין אים געלעגן פאַרשטיקט פאַר דער גאַנצער צייט. די לאַנג־יאָריקע פאַרגליווערטקייט איז אין אים ווי מיט אַמאָל צעשמאָלצן געוואָרן. ער האָט זיך דערפילט יונג, פריי און רירעוודיק. און דאָס נייע, פרעמדע פרויען־לייב, וואָס האָט טאַנצנדיק זיך צו אים געפּרעסט, האָט אים צעפלאַמט, אויפגעבראַוזט אין אים לאַנג־פאַרשטיקטע און אונטערדריקטע ליידנשאַפטן און האָט געמאַכט זיין גאַנצן קערפּער ציטערן. ער האָט זיין מיט־טענצערין שיער ניט צעטראָגן.

ווען דער טאַנץ האָט זיך געענדיקט, איז ער געווען צעהיצט און באַרוישט ווי פון אַ שטאַרקן וויין. דאָס ווייבל האָט צו אים גערעדט, געמאַכט קאָמפּלימענטן, אַז זי האָט שוין לאַנג אַזאַ הנאה ניט געהאַט פון אַ טאַנץ, ווי היינט מיט אים, און אַז ער איז נאָך אַלץ אַ גוטער טענצער, כאָטש זייט ער איז פאַרהייראַט זעט מען אים אַזוי ווייניק אָן אין די ערטער וואו מען טאַנצט, און עס וואָלט ניט געשאַדט ער זאָל זיך ווייזן אָפטער.

ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער איז ער צוריקגעגאַנגען צו זיין פרוי, וועלכע איז געשטאַנען אָן אומעטיקע און אַ פאַרדראָסיקע און געוואַרט אויף אים. ער האָט זי באַגעגנט אַזוי מאָדנע פרעמד, איר אָנגעקוקט מיט אַזעלכע בליקן, ווי זי וואָלט ניט געווען זי.

די פרוי האָט אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערט. עפּעס איז איר ניט קלאָר געווען זיין גאַנצע האַנדלונג און באַנעמונג. זי איז געווען ווי צעטומלט. אַלץ וואָס האָט דאָ אין דעם אָוונט מיט אים פּאַסירט איז פאַר איר געווען אַן איבעראַשונג: די נאָענטע שייכות וואָס איז מיט אַמאָל געוואָרן צווישן אים און די אַרומיקע מענטשן, איבערהויפּט מיט די פרויען; דאָס וואָס ער האָט פּלוצלינג באַקומען אַזאַ לשון, זיין ריידן, זיין ווּיצלען זיך, זיין געלעכטער, און זיין טאַנצן.

דאָס ערשטע מאָל זייט זיי זיינען פאַרהייראַט איז איר אויס־געקומען אַ טראַכט צו טאָן וועגן איר מאַן ניט נאָר ווי פון אַ הויז־פאַרזאָרגער, נאָר ווי פון אַ מענטשן, וואָס האָט אויך געמיינשאַפטלעכע פאַרבינדונגען מיט דער אויסערער וועלט. זי האָט מיט אַ מאָל דערפילט די סכנה פון צופאַל און זייטיקע איינפלוסן, צו וואָס אַ מענטש וואָס קומט ערגעץ און פאַרברענגט איז אויסגעזעצט... און זי האָט זיך פאַר עפּעס דערשראָקן, געוואָרן אומזיכער.

— קום אַהיים !— האָט זיך ביי איר אַ פאַרצווייפלטער געשריי אַרויסגעריסן. איר שטימע האָט געקלונגען ווי פון אימיצן וואָס איז אומגעריכט אַריינגעפאַלן אין אַ געפערלעכן אָרט און זוכט זיך צו ראַטעווען, אַנטלויפן, אַזוי לאַנג ווי עס איז נאָך דאָ צייט.

ער איז שטיל און פאַרטיפט אין זיך איר נאָכגעגאַנגען.

* * *

דער פרויס שרעק איז ניט געווען אומזיסט.

זייט יענעם אָוונט איז איר מאַן גאָר געוואָרן אַן אַנדערער. זיינע באַציאונגען צו איר און צו דער הויז האָבן זיך אין גאַנצן געענדערט.

ער איז ניט געוואָרן ערגער, ניט געוואָרן קיין שלעכטער מאַן צו זיין פרוי, און קיין שלעכטער פאָטער צו זיינע קינדער. ער איז פאַרבליבן דער זעלבער געטרייער פאַמיליען־מאַן ווי געווען, זיין אינערלעכע רואיקייט אָבער איז פאַרשוואונדן. עפּעס האָט אין אים אין דער שטיל געברויזט, געזעגט און געצויגן. אַ טיפע פאַרבאָרגענע בענקשאַפט האָט שטיל געגעסן זיין האַרץ און דער אומעט האָט אַרויסגעוויינט פון זיינע אויגן.

אַ פיינלעכע אומצופרידנקייט, אַן עסנדיקע, אַ רעוואָלטירנדיקע, האָט זיין נשמה געמוטשעט. ווי אַ שטיל וואַסער, וואָס גראָבט אַלץ מער און מער אונטער דעם שטיין־פעלז, ביז ער שווענקט אים אַרונטער, אַזוי האָט אַ שטילער, פאַרבאָרגענער ווייז און בענקשאַפט ניט אויפ־געהערט אין אים צו גראָבן אַלץ טיפער און טיפער.

זייער אָרעם, אָבער רואיק און שטיל לעבן איז געוואָרן צעשטערט.

# רעשטלעד

אין האַל האָט געררישט, טאַקע ווי אויף אַ באַזאַר. מענטשן זיינען אַרומגעגאַנגען פון איין בידל צו דער אַנדערער און געזוכט מציאות... געריעדט, געלאַכט און געמאַכט טומל...

ניט ווייט פון דער „באַר" זיינען געשטאַנען טישלעך, וואו די באַזוכער פון באַזאַר זיינען געזעסן און געשמועסט, און אָפּגעכאַפּט דאָס האַרץ ווער מיט עסן... ווער מיט טרינקען...

און אָט גיט אַ קלאַפּ די מוזיק. פאַרעלעך צעלאָזן זיך אין אַ טאַנץ. עס ווערט אַ געדריי, אַ פּלאָנטער פון הענט און פיס. קערפּער פאַלט צו צו קערפּער, אַלץ הויבט זיך אָן צו באַוועגן און מיטדרייען מיטן קאַרעהאַד נאָכן טאַקט פון די מוזיק.

עלקין האָט זיך אַ פאַרחלומטער אַרומגעדרייט און באַטראַכט דעם עולם, און אַן אומעטיק געפיל האָט אים אַרומגענומען...

ער האָט באַמערקט פּנימער פון מענער און פרויען, וועלכע ער קען שוין פון יאָרן. כמעט אַלע יאָר קומען זיי אָט די זעלבע, צו אָט דעם באַזאַר, וואָס ווערט איינגעאָרדנט פון זייער געזעלשאַפט „געטרייע", וואו ער אַליין איז אויך אַ מיטגליד, און קומט אַהער יאָר איין יאָר אויס, שוין אַזוי צוואַנציק יאָר...

אָט באַמערקט ער חוהן. אַ רונדע, צעשוואומענע ווייבל, מיט אַ פולן פּנים, מיט אַ פּאָר וואַסערדיקע אויגן... און אָט די חוה איז דאָך אַמאָל איינע פון די שענסטע מיידלעך געווען. ער האָט זיך אַפילו צו איר געשדכנט, נאָר עפּעס אַ „פּאָעט" האָט זי אויסגעכאַפּט... איצט דרייט זיך אַרום אירס אַ טעכטערל, וואָס ווען מען וויל זען, ווי די מאַמע האָט אַמאָל אויסגעזען, זאָל מען קוקן אויף דער טעכטערל.

און אָט איז הילדאַ מיט איר מאַן. ביידע, ער אַלס יונגערמאַן, און זי אַלס יונגע מיידל, האָבן באַלאַנגט צו די „געטרייע" וואו זיי האָבן זיך טאַקע פאַרליבט און חתונה געהאַט... איצט איז אַ מורא זיי אָנצוקוקן, ביידע זעען זיי אויס אַזוי פאַרעלטערט, שווערגעוויכטיק, און אָפּגעלאָזן... און זיי זיינען דאָך אַמאָל געווען אַזעלכע גוטע טענצער. ווען זיי פלעגן זיך אַוועקלאָזן אין אַ טאַנץ, האָט אונטער זיי געציטערט די ערד...

ער, עלקין, זעט, דאַכט זיך, אָט די זעלבע מענטשן גאַנץ אָפּט צו די מיטינגען און ביי אַנדערע געלעגנהייטן, אָבער דאָרטן וואַרפט זיך אים ניט אין די אויגן אַזוי בולט די פאַרענדערטקייט, ווי דאָ אויפן באַזאַר.

אינעם גרויסן יום־טובדיקן האַל... דאָ, ביים שיין פון די בליציקע עלעק־טרישע ליכט, זעען זיך גיכער אַרויס די גראָע האָר, די טיפע קנייטשן, די ענדערונגען אינעם אויסזען, אין די באַוועגונגען פון די קוים רירעוו־דיקע, פאַרעלטערטע גופים פון די מענער און פרויען...

אַזוי איינע נאָך די אַנדערע... איינע נאָך די אַנדערע...

און ער אַליין ?...

עלקינען כאַפּט אַרום אַ רחמנות אויף אָט די מיטליאָריקע מענטשן...

„ביטאָ — טראַכט ער — קיין טראַגישערער וועזן, ווי דער מיטל־יאָריקער מענטש.

„מערקווירדיק, — פילאָזאָפירט ער, — דער יונגער מענטש האָט געשטאַלטיקייט, אויסגעפורעמטקייט, ער איז ווי ער איז, שיין אָדער ניט שיין, ער איז אָבער יונג!...

אַפילו אַלטע מענטשן האָבן זייער אויסגעפורמטן געשטאַלט; ס׳פּנים אַלט, קנייטשנדיק, מיד, די אויגן אויסגעלאָשן, די האָר גרוי, אַן אַלטער מענטש, אָבער אַ מענטש מיט אַ באַשטימטן געשטאַלט.

די מיטליאָריקייט אָבער איז אָן געשטאַלט, אָן גאַנצקייט· עס ענ־דערט זיך יעדן טאָג; היינט אָן גרויע האָר; מאָרגן, אַ בליק אין שפּיגל — אַ גראָע האָר... היינט אָן אַ קנייטש אונטער די אויגן, מאָרגן — יאָ, שוין דאָ!... אַזוי כסדר, אַנדערש, פאַרענדערט...״

עטלעכע שטאַרקע קלעפּ אין פּויק האָבן עלקינען אויפגעוועקט פון זיינע פילאָזאָפישע געדאַנקען... דאָס האָט מען געגעבן צו וויסן, אַז מ׳גיט די טענצער אַביסל פרייע צייט צו כאַפּן מציאות ביים באַזאַר...

דער טאַנצנדיקער עולם האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו די זייטן ביי די באַזאַר־ביידלעך, געזוכט, געקליבן, און זיך געגריבלט אין די אַלערליי סאָרטן הענגענדיקע און ליגנדיקע זאַכן.

ס׳איז געווען דער ערשטער טאָג פון באַזאַר און ס׳איז נאָך געווען פון וואָס צו קלייבן. די מציאות זיינען נאָך ניט געווען אויסגעכאַפּט... אַלץ האָט געגלאַנצט מיט נייקייט, זיך געוואָרפן אין די אויגן, און, דוכט זיך, ווי זיך געבעטן:

— קויפט אונז ס׳איז פאַר אַ גוטן צוועק!

אויך עלקין איז מיטגעשלעפּט געוואָרן מיטן עולם צו די ביידלעך. אַ פאַרטראַכטער האָט ער אַרומגעבלאָנקעט פון איין ביידל צו דער אַנ־דערער און אַלץ באַטראַכט, אָבער גאָרניט געקויפט...

— וואָס איז דער געאייל? ער וועט קויפן מאָרגן, אַפילו איבער־

מאָרגן, דעם לעצטן טאָג פון באַזאַר, ער האָט סיי ווי ניט קיין איבעריקע געלט אין קעשענע... — האָט ער געטראַכט.

פיר נעכט האָט אָנגעהאַלטן דער באַזאַר.

יעדן אָוונט איז עלקין געקומען אַהין און אין דעם רעסטאָראַן דאָרטן האָט ער געגעסן זיין אָוונט־ברויט, ווייל ער האָט ניט געוואָלט אַוועקגעבן זיין לייזונג ערגעץ אַנדערש...

אָפּגעגעסן, האָט ער זיך אין אַ פאַרחלומטן צושטאַנד אַוועקגעלאָזן איבערן האָל זוכן אַלטע באַקאַנטע, וועלכע ער האָט שוין לאַנג ניט געזען... און יעדער נייער פּנים האָט אים אַרויפגעפירט אויף די זעלבע אומעטיקע געדאַנקען ווי דעם ערשטן אָוונט, און געפילט האָט ער אַ גרויסן רחמנות צו זיי און צו זיך...

און ווידער פלעגט אַ שטאַרקער קלאַפּן פונעם פּויק אויפטרייסלען אים פון זיינע געדאַנקען, און ווידער פלעגט דער טאַנצנדיקער עולם זיך אַ לאָז טאָן צו די בײדלעך נאָך מציאות, און עלקין מיט זיי.

יעדן טאָג זיינען די „זאַכן" געוואָרן ווייניקער און אָרעמער אין אויסזען... די בעסטע און גרעסטע מציאות זיינען פונעם עולם שוין צעכאַפּט געוואָרן... און היינט ביים לעצטן אָוונט פון באַזאַר, זיינען בלויז פאַרבליבן די רעשטלעך, דאָס אַלטע, אָפּגעקראַכענע און אָפּגענוצטע, צו וואָס דער עולם האָט זיך שוין ניט געוואָלט צורירן און מען האָט אַוועקגעגעבן פאַר האַלב אומזיסט.

עלקין האָט אַרומגעבלאָנקעט ביי די בײדלעך און באַטראַכט די איבערגעבליבענע רעשטלעך פונם באַזאַר. און ס'איז אים געקומען אויפן געדאַנק די ווערטער פון אַן אַלט ליד „ אַז דאָס גאַנצע לעבן איז ניט מער ווי אַ באַזאַר : מען איילט, מען יאָגט, מען טומלט, און ווער עס האָט ניט מיט וואָס, וואַרט אויפן לעצטן טאָג פון באַזאַר און בלייבט ביי די „רעשטלעך".

ער האָט געקוקט אויף די בײדלעך, אויפן מיטליאַריקן עולם, אויף אַלץ אַרום, און ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז דאָס זיינען אַלץ רעשטלעך. נעכטן יונג און ניי, און היינט — רעשטלעך פון לעבן... אפילו אין דעם קלאַנג פון דער מוזיק, האָט אים געדוכט, הערט ער דעם גרויסן באַס ברומען: רעשטלעך... רעשטלעך פון לעבן...

# יצחק בלום

# געקליבענע שריפטן

## דערציילונגען

## און

## לידער

זינג, מיין האַרץ

לידער

# איך בין דער ליריקער . . .

כ׳בין דער ליריקער, דער שטילער,
וואָס באַזינגט דאָס אייגן וויי;
כ׳בין נאָך אַלץ דער „אינזיך-פילער",
בין פאַרליבט אין בלומען, שניי.

מיך באַגייסטערן נאָך וועלדער,
ליב איז מיר איעדער בוים;
און די בליאונג אויף די פעלדער
פילט מיך אָן מיט רו און טרוים.

און דעם פויגלס אָונט-געזאַנגען
גיבן מיין האַרץ אַ צי, אַ ריר,
און די זונען-אונטערגאַנגען,
וועקן בענקשאַפט טיף אין מיר.

און אַ פרוי, אַ יונגע, צאַרטע,
רעגט און וועקט אין מיר באַגער;
און אַ ליבע — אָפּגענאַרטע, —
ציטערט אוים אַ שטילע טרער.

כ׳בין קיין דיכטער ניט פון צייטן,
און איך וויל עס גאָרניט זיין, —
ס׳קענען וועלטן ניט פאַרבייטן
אייגן צער און אייגן פיין.

## פאַר אַלע

וועןן איך זינג פון זיך, זינג איך פאַר אַלע,
וואָס טיילן דעם זעלביקן גורל, ווי איך.
ווען כ׳לייד אין מיין ליד, לייד איך מיט אַלע,
וואָס האָבן געליטן אין שטיל פאַר זיך...

ווען כ׳וויין אין מיין ליד, וויין איך מיט אַלע,
וואָס האָבן אין עלנט פאַרלעבט נעכט און טעג ;
ווען כ׳בענק אין מיין ליד, בענק איך מיט אַלע
וואָס זיינען געגאַנגען מיין איינזאַמען וועג...

ווען כ׳בעט אין מיין ליד, בעט איך פאַר אַלע,
ווי אַ בעל-תפילה, מיט האַרץ און געפיל,
פאַר די וואָס זיי האָבן פאַרלעבט זייער לעבן,
ווי באַנטשע-שוויג — אָרעם און שטיל...

## דאָס ניי געזאַנג

דאָס ניי געזאַנג,
דאָס נייע ליד,
עס פאַסט זיך ניט
צו מיין געמיט.

מיין האַרץ האָט ליב
דאָס אַלט געזאַנג ;
דאָס אַלטע ליד,
דעם אַלטן קלאַנג,

וואָס וויינט אין פרייד
און לאַכט אין פיין
און קוויקט ווי אַלטער,
גוטער וויין.

## לידער פון דער צייט

שרייבן לידער פון דער צייט:
פון מאָרדן און פון רויבן!
ס'מוז דאָך העלן אַ ליכט פון ווייט,
דעם מענטשן צו דערהויבן.

ס'מוז דאָך ליכטיקן אַ פרייד
דעם חושך צו פאַרדעקן;
מ'קען דאָך ניט מיט וועלט-שמערץ, לייד,
שטענדיק ווי טאָן, שרעקן.

מ'מוז דעם טרויער אין געזאַנג
אויך אַמאָל איינהילן, —
ס'זאָל דער מענטש אַ נייעם דראַנג
צו שענער לעבן פילן.

ס'זאָל דער דמיון און געפיל
ניט שטענדיק שוואַרץ זיך טונקען;
ס'זאָל צו אים די לעבנס-שפיל
מיט האָפענונגען ווינקען.

## לידער זיינען . . .

לידער זיינען ווי די קינדער —
יונג, נאַאיוו, מיט טיפן גלויבן;
לידער דאַרפן האָבן מאַמעס
זיי צו צערטלען, זיי צו לויבן.

לידער זיינען ווי די בלומען —
בליען צאַרט אין אומעט שטילן;
לידער דאַרפן האָבן הערצער
זיי צו ליבן, זיי צו פילן.

# זינג מיין האַרץ

אָפּטײלונגען:

זינג מײַן האַרץ
פון נאָענטן אַמאָל
מײַן װעלט
אין שפּעטע שעה'ען
אין װאַנדער־װעג

## זינג מיין הארץ

זינג מיין הארץ, דו גוטע, דו!
וויג מיך איין אין שטילער רו;
וועב א זים און שיין געזאנג,
ווי אין פעלד פארנאכט די זאנג.

צערטל ליב און הייל די זעל,
לויטער שטיל, און זאנפט, און העל;
וויג מיך איין אין יונגן טרוים,
ווי אין וואלד א יונגן בוים.

## צוריק . . .

עפעם האט זיך אומגעקערט
צוריק — — —
און די מידע גלידער
פילן יונג און מונטער
ווידער —
צוריקגעקומען גליק.

עפעם לאכן שטילערהייט
פארשוואומענע חלומות,
ווי פון ווייטע מקומות
שלייכן זיי — — —
צוריק, צוריק
מיט יונגער ציטערדיקער פרייד.

## שיינט די זון

שיינט די זון, די פרילינגדיקע זון,
מיט גליענדיקן שיין...
ווערט מיר וואַרים, ווערט מיר גוט דערפון,
ווערט מיר ליב דאָס זיין...

צעהוליען זיך די בלומען מיינע, ווי שיכורים,
ווען די פלעשער ווערן לער...
אַ זון, מיין זון, כ'האָב זיך היינט צעהוליעט
און וויל אַלץ מער...

לויף איך ווי פאַרשיכורט איבער גאַסן,
ווייט, ווייט אַוועק...
און די זון וואַרפט גאָלדיק-העלע פאַסן
אויף מיין וועג...

## די יום-טובדיקע רו

די יום-טובדיקע רו פון פעלד
וועקט אין האַרצן אויף די פרייד
פון מיין אַלטער היים און וועלט,
וואָס מיט יעדן טאָג פאַרגייט.

שפּרינגט דאָס האַרץ און ווערט גערירט
פון אַיעדן ווינטל-בלאָז,
ווי איך וואָלט די היים דערשפּירט,
פאַל איך צו צום גרינעם גראָז.

דאַכט מיר אַז דאָס איז די ערד,
וואו מיין קינדהייט האָט געבליט;
וואו מיין מאַמע האָט דערהערט
מיינע ערשטע קינדער-טריט —
און מיט גוטסקייט מיך גענערט
און מיט מאַמע-זאָרג געהיט.

## זומערדיקע שטילקייט

זומערדיקע שטילקייט,
זומערדיקע פרייד ;
און אַ בלויער הימל
איבער מיר פאַרשפּרייט.

און אַ האַנט, אַ צאַרטע
גלעט מיך אַזוי שטיל
און פאַרוויגט מיין טרויער
אין אַ ליב געפיל.

## די נייע פרייד

ס'איז די פרייד נאָך ניט אַוועק
ס'גליט דאָס פייער נאָך אין מיר ;
הער איך אַ געזאַנג אין וועג,
גיט אין האַרצן זיך אַ ריר.

און איך בלייב פאַרוואונדערט שטיין
און פאַרקוק זיך ווייט און לאַנג,
ווי עס וואָלט אַ נס געשען,
איך דערקען דאָס אַלט געזאַנג.

און איך בענטש די נייע פרייד,
וואָס אין האַרץ האָט אויפגעוואַכט
ווען דער טאָג פאַרגייט, פאַרגייט,
זינגט צו מיר די פרייד פון נאַכט.

## ס'האָט זון זיך צעהעלט . . .

גאָט, כ'בין שוין לאַנג אויף דיין שוים ניט געזעסן —
אויפן שוים פון נאַטור,
וואו ס'ווערן די פיינען פון לעבן פאַרגעסן,
פון עלנט קיין שפור...

דאָ איז אַזוי ליכטיק... דער צער איז פאַרשוואונדן,
דאָ איז אַזוי גוט;
דאָ האָפט מען, אַז בעסערע צייטן וועלן קומען —
אָן טרערן, אָן בלוט...

ווידער דאָ ווערט מען אויפסניי ווי געבאָרן,
די יוגנט קומט קריק;
דאָ ווערט מען אין שענערע וועלטן פאַרלאָרן,
אין סודותדיק גליק...

וועלטס בלוטיקע מעשים דאָ ווערן צערינען, —
וועלטס שאַנד און שפּאָט!
דאָ שפּילן זיך שטראַלן אין שטילן באַגינען
מיט מענטש און מיט גאָט...

דאָ ווילט זיך ניט טראַכטן פון שטן, דעם בייזן,
וואָס אומגליקט און שעלט;
דאָ ווילט זיך דאָס ערדישע לעבן אויפלייזן
אין גייסטיקער וועלט...

דאָ ווילט זיך ס'זאָל קנאה און שנאה פאַרשוואונדן
און הערשן זאָל פריד;
פאַרהיילט זאָלן ווערן די מענטשלעכע וואונדן
מיט שיינקייט פון ליד...

ס'זאָל די נאַטור ווי אַ קינד מיר פאַרוויגן
מיט פויגל געזאַנג...
מיט היימישן, אַלטן, מיט מאַמעשן ניגון,
וואָס לעבט אין געדאַנק...

טאָ זינג פויגל, זינג, און זאָלן אַלע הערן
דאָס ליד פון דער וועלט!
ס'ליד אַ געלייטערטס, פון מענטשלעכע טרערן —
ס'האָט זון זיך צעהעלט...

## כ'פיל עפּעס יום־טוב'דיק היינט

כ'פיל עפּעס יום־טוב'דיק היינט,
אַ שטראַל האָט געטאָן זיך אַ צי —
אַ שטראַל, וואָס צעלויכט, וואָס צעשיינט
און ליכטיקט מיט פריידיקן גלי.

אַ גלעט געטאָן צאַרט מיין געזיכט
מיט וואַרעמקייט פול און מיט לויב,
ווי מאַמע־הענט בענטשנדיק ליכט
טוען האַרציק און פרום זיך אַ הויב. —

צעציטערט אין מיר אַ געפיל
פון בענטשונג און ליבע־פאַרלאַנג;
אַ תפילה, וואָס בעט אין דער שטיל,
אַ ניגון — אַ לידער־געזאַנג.

## שטילע שעהען

שטילע שעהען — — —
אָפּגעזונדערטע מיט זיך אליין
ערגעץ־וואו,
אין שטילער רו,
ווען זון האַלט אין פאַרגיין.

שטילע שעהען — — —
אַליין פאַרנאַכט אין פעלד,
וואו בוימער שטילע
טוען תפילה — — —
געבענטשט זאָל זיין די וועלט.

## דער נייער מאָרגן

וויקל זיך פונאַנדער, האַרץ,
הער אויף אין שטיל צו שטומען!
ס'איז נאָך אַלץ ניט אַזוי שוואַרץ,
ליכטיקס וועט נאָך קומען.

ניט ווער פאַרשטאַרט אין שטילן פּיין
און לויכט אויף העלער, העכער,
און גיב אַ שוים ווי העלער וויין,
וואָס שטראַלט אַרויס פון בעכער.

ס'איז לעבן נאָך ניט אָפּגעבליט,
ס'גליט נאָך וואו פאַרבאָרגן: —
טאָ זינג, מיין האַרץ, אַ נייע ליד,
אַ ליד פון נייעם מאָרגן.

# פון נאָענטן אַמאָל

## וואַרף דיין ליכט אויף מיר

וואַרף דיין ליכט אויף מיר
פון דיין העלן שטערן ;
און באַלויכט מיין וועג, —
טונקל הויבט אָן ווערן.

הינטן איז דער וועג
ווייט, שוין ווייט אַריבער —
און דער וועג פאַרוים,
פיל מיט בערג און גריבער.

און די נאַכט קומט אָן
שאָטנס זיך פאַרקלייבן ;
ווייטער ניט צו גיין —
און ניט שטיין צו בלייבן.

וואַרף דיין ליכט אויף מיר
פון דיין העלן שטערן ,
און באַלויכט מיין וועג, —
טונקל הויבט אָן ווערן.

## קום מיט מיר

קום מיט מיר ביז צום סוף פון מיינע טעג —
ס'ציט זיך לאַנג, שוין לאַנג דער וועג
און כ'בין נאָך ווייט צום ברעג.

קום מיט מיר איידער ס'פאַלט דער אָוונט צו
און פרעג מיך ניט ווי ווייט? און וואו?
נאָר הער זיך צום געזאַנג מיינס צו.

און אַז מען זינגט איז פריילעך דאָך אַזוי,
פילט מען ניט קיין מידקייט און קיין ווײ,
פילט מען ניט דעם ווינטערס בייז געדריי.

דאַכט זיך, אַז די יוגנט שוימט און גליט
און ס'איז פרילינג און ס'בליט,
און פריילעך דאָס געמיט. —
זאָל זיין געבענטשט דאָס ליד!

## וואָס פֿאַרלאַנג איך דען?

וואָס פאַרלאַנג איך דען, וואָס?
אביסעלע גליק
פאַר דיר און פאַר מיר;
אַ וואַרעמען בליק,
אַ נאָנטן באַריר...

וואָס פאַרלאַנג איך דען, וואָס?
אַ ביסעלע פרייד
פאַר דיר און פאַר מיר;
שטיל־האַרציקע רייד,
אַ שליסל צום טיר...

וואָס פאַרלאַנג איך דען, וואָס?
אַ מנוחהדיקע היים
פאַר שלום און רו;
אַליין אין געהיים —
איך און דו!...

— — — — — — — — — —

וואָס פאַרלאַנג איך דען, וואָס?

# אָ קום שוין, קום!

אָ, קום שוין, קום!
און זאָלן נייע פלאַמען זיך צעגליִען,
ווי זון אין לויטערן פרימאָרגן: —
איצט איז אָוונט, לעצטע שטראַלן ציִען,
פון אונטערגייענדיקער זון פאַרבאָרגן.

אָ, קום שוין, קום!
ס׳טונקלט שוין אַרום, און ס׳טונקלט דאָס געמיט
פון פחד פון דער נאַכט, וואָס קומט מיט ציטער שטילן.
און אומעטיק און איינזאַם וויינט אַרויס דאָס ליד,
ווען חושך, וועלט און מענטש הויבט אָן איינצוהילן.

אָ, קום שוין, קום!
ס׳מוז דאָך ווער אָנקומען, כ׳קען אַליין ניט בלייבן:
ס׳הילן שאָטנס איין די בוימער און די גראָזן.
ס׳האָט אימיצער מיט מיר געטאָן קאַטאָוועס טרייבן
און מיך אין מיטן וועג אין נאַכט אַליין געלאָזן...

## אויב ס׳איז אונדז נאָך פאַרבליבן . . .

אויב ס׳איז אונז נאָך פאַרבליבן
אַביסל יוגנט-פלאַמען;
לאָמיר איצט עס ביידע,
אויסגליען צוזאַמען.

צו-וואָס זאָלן מיר נאָך וואַרטן,
אויף ווען עס איז באַהאַלטן?
ס׳לעשן אוים זיך פלאַמען
אין לעבן אינעם קאַלטן.

טאָ לאָמיר זיי צעברענען
כל-זמן נאָך זיי גליען:
אין צויבער פונעם פלאַקער
ווידער אויפצובליען.

און לאַנג אַזוי נאָך בליען
אין תענוגדיק פאַרצערן,
און לאַנג אַזוי נאָך גליען
מיט נאַכט און מיט די שטערן.

## אָ, פרעג מיך ניט

אָ פרעג מיך ניט,
ניט פרעג מיך מער!
איצט טרערט די פרייד,
איצט פרייט די טרער.

איצט וויינט און לאַכט
אין טיפקייט שטיל,
און ס'גלעט דאָס הארץ
אַ ניי געפיל.

און עפּעס נאָגט,
און עפּעס שרעקט,
און עפּעס שמאַרצט,
און עפּעס רעגט.

און עפּעס גלעט,
און עפּעס ציט,
און עפּעס זינגט,
און עפּעס גליט.

צי איז דאָס טרייסט
צי איז דאָס פּיין?
צי איז דאָס וויי?
צי איז דאָס ווייך?

אָ פרעג מיך ניט,
ניט פרעג מיך מער! —
איצט טרערט די פרייד
און ס'פרייט די טרער.

## איך און דו . . .

איך און דו
מיר האָבן ניט געפונען
די לאַנג געגאַרטע רו...

מיר האָבן זומערן געוואַרט
מיט בליקן הויך געווענדט. —
מיר זיינען אָפּגענאַרט...

איצט.. איז ווינטער-ווײ...
שטייען מיר אין וועג
צווישן פראָסט און שניי...
— — — — — — —

טאָ קום!
לאָמיר גאָר אין אונזער ווײ,
שפּילן זיך ווי קינדער צוויי,
וואַרפן זיך מיט קוילן שניי...

## אַ קויל איז געפלויגן

דער שניי וועט ניט אומארעמען מער מיינע טריט,
מיט ווינטערדיק, פריילעכן, מונטערן ליד;
מיין אויג וועט ניט שפּיגלען זיך מער אין דעם בלענד;
און קינדערש ניט דריקן דעם שניי אין די הענט.

און פריילעך ניט קלינגען עס וועט מער מיין קול,
אַזוי ווי אין גליקלעכן, נאָנטן אַמאָל, — — —
איך און די וועלט האָבן ביידע געלאַכט!
אַ קויל איז געפלויגן — און שטום אונדז געמאַכט.

## מיין געזאַנג

כ׳וועל מיין טרויער אויסזינגען נאָך דיר
מיט געזאַנג באַגלייטן מיין טרוים, —
ווי אַ פויגל, וואָס קומט צו איר נעסט
און טרעפט אים ניט מער אויפן בוים.

כ׳וועל מיין טרויער אויסזינגען נאָך דיר,
ווי ס׳זינגט אוים אַ מוטער אַ ליד;
ווען זי וויינט נאָך איר פאַרלאָרן קינד
און מיט בענקשאַפט איז פול איר געמיט.

כ׳וועל מיין טרויער אויסזינגען נאָך דיר,
ווי אַ געבעט אין מיטן דער נאַכט,
ביים בעט פון חולה וואָס גוססט,
מיט אויגן פאַרשלאָסן, פאַרמאַכט.

## אין וויסטן שפּיל

די וועלט גייט אָפּ מיט בלוט,
די וועלט — איין גרויסער „אוי!”
און איך, אַ, דומער יונג,
איך טראַכט גאָר פון אַ פרוי.

די מענטשהייט ליגט צעדריקט,
געמיטער שווער, און גרוי;
און איך, אַ גרויסער נאַר,
איך טראַכט גאָר פון אַ פרוי.

די יאָרן באַלד פאַרשפּילט,
פאַרשווינדן גיך אַזוי —
און איך אין וויסטן שפּיל,
איך טראַכט גאָר פון אַ פרוי.

## אַלץ וואָס מ׳פאַרלירט

אַלץ וואָס מ׳פאַרלירט,
עס טוט אַזוי באַנג:
אַ שליסל, אַ שרייב־פען,
אַ בריוו שוין פון לאַנג.

אַן אָנדענק, אַ ליבער,
פון די וואָס מען טראַכט;
אַ בלום אַ צעוועלקטע
פון אַמאָל — אַ פאַרנאַכט.

אַ בוך, אַ מתנה,
געשענקט פון אַ פריינט;
אַ בילד פון אַ מענטשן,
ניטאָ שוין מער היינט.

אַלץ וואָס מ׳פאַרלירט,
עס טוט אַזוי וויי;
אַפילו פון ווינטער —
ס׳צעגאַנגענע שניי.

## שיינענדער גאָלד

שיינענדער גאָלד,
גאָלד פון מיין לעבן!
כ׳האָב טייער באַצאָלט
פאַרן גאָלדענעם שטרעבן.

אָ גאָלדענער חלום!
אָ גאָלדענער שטרעבן!
כ׳האָב טייער באַצאָלט
פאַרן גאָלד פון מיין לעבן.

## די שפּיל

כ׳קום פאַרענדיקן די שפּיל,  
דעם אָנהויב האָב איך דאָך שוין לאַנג פאַרשפּילט ;  
כ׳האָב קיינמאָל ניט דערגרייכט צו יענעם ציל,  
צו־וואָס ס׳האָט מיין האַרץ געצויגן און געפילט.

איז וואָס איז מיר שוין איצט דער אונטערשייד,  
ווי ס׳וועט דער גורל מיך פאַרטראָגן וואו !  
אַז ניט באַשערט איז מיר געווען די פרייד —  
עס זוכט מיין האַרץ איצט בלויז אַביסל רו.

## פאַרגיב!

פאַרגיב !  
ניט דאָס האָב איך געמיינט !  
וואָס קען מען טאָן,  
ווען אומעט טרייבט און וויינט  
און פאַרפירט —  
עס האָט פּאַסירט.

פאַרגיב !  
וואָס ס׳האָט פּאַסירט,  
וואָס טוט מען דעמאָלט  
ווען מ׳פאַרלירט  
אַלץ, און ס׳בלייבט גאָרניט מער ;  
און ס׳לעבן ווערט אַזוי שווער  
און דערווידער,  
אַז ס׳העלפן ניט מער  
אַפילו קיין לידער,  
אַז דו ביזט אויסגעליידיקט,  
ווי אין הערבסט אַ זאַנג  
און דיין נשמה איז  
פּוסט און קראַנק —  
— — — — — — — —  
וואָס טוט מען דעמאָלט ?

# מײַן װעלט

## כ׳גיי דורך מיין וועלט

כ׳גיי דורך מיין וועלט
מיטן מזל דעם שווערן,
וואָס האָט מיך באַזעלט
מיין טאַטע, צו ווערן, —

ניט דאָס וואָס איך בין
און געדאַרפט האָב איך זיין,
וואָס איז ווי אַ בין
אין האָניק אריין.

דאָך מיר ניט געקוויקט
מיט זיסקייט פון טעם : —
ס׳איז פונם האָניק,
געוואָרן גאָר סם.

## כ׳האָב פאַרגרייזט אין מיין יוגנט

כ׳האָב פאַרגרייזט אין מיין יוגנט
און כ׳ווייס ניט מיט וואָס ;
איצט פירט מיך דאָס לעבן,
אויף האַרבסטיקן גראָז.

ס׳ליכטיקט נאָך זומער,
נאָר ס׳ליכט איז שוין קאַלט ;
ס׳רויטלען נאָך שטראַלן,
וואָס לעשן זיך באַלד.

און יוגנט, ווי פרילינג
און זומער פאַרגייט. —
אַ, זאָל כאָטש פאַרבלייבן
אין חלום די פרייד...

## און וואָס זאָל איך טאָן...

און וואָס זאָל איך טאָן אַז מיין לעבן
געפינט ניט דעם ריכטיקן גאַנג,
און בלאָנדזשעט אַרום ווי פאַרלאָרן,
אַזוי ווי אין נאַכט אַ געזאַנג.

און וואָס זאָל איך טאָן אַז מיין לעבן
גייט זייטיק אַוועק אין דער קרום,
אַזוי ווי אַ ליידיקע שיפל,
וואָס שווימט אויפן וואַסער אַרום...

און וואָס זאָל איך טאָן אַז מיין לעבן
פאַרפירט און פאַרבלענדט מיך נאָר בלויז,
און מאַכט מיך אַ נאַכט פאַר אַ קעניג
און מאָרגן — דער קעניג איז אויס!

## מאַמע מיינע

מאַמע מיינע!
כ'האָב קיינמאָל דיך ניט יונג געזען,
שטענדיק ביזטו אַלט געווען:
אַ פּנים אומעטיק, פאַרקלעמט,
אויגן וויינענדיק, פאַרשעמט.

און אָרים איז געווען דיין גאַנג
און טרויעריק דיין שטיל געזאַנג,
וואָס פלעגט וויינען, צופּן, נאָגן,
ביים „גאָט פון אברהם" זאָגן.

— — — — — — — — — — — — — — —

כ'קוק אָפט אויף דיין בילד מיט ווי
און זע, ווי דיינע אויגן צוויי,
שמייכלען יונג און מאַמיש צו,
אין דיין אייביק שטילער רו.

# כ׳האָב קיינמאָל...

כ׳האָב קיינמאָל ניט געהאַט
די ציטערדיקע פרייד,
פון קינדערש-צאַרטע הענטלעך
אַרום מיין האַלדז פאַרשפּרייט...
פון קינדערש-ליבע בליקן,
וואָס דרינגען טיף אַריין
און פילן אָן דאָס האַרץ
מיט פרייד און זונען-שיין...

כ׳האָב קיינמאָל ניט געהאַט
ס׳ציטערדיקע גליק,
פון צוזאַמען פילן
בשותפות׳דיקע פרייד,
וואו אַ גרויס פאַרמעגן
ליגט אין שטומען בליק
און אַ זיסער צויבער,
אין די שטילע רייד...

— — — — — — — — — —

כ׳האָב קיינמאָל ניט געהאַט
די ציטערדיקע פרייד — — —
כ׳האָב קיינמאָל ניט געהאַט
ס׳ציטערדיקע גליק — — —

## פאַרוואָס?

פאַרוואָס ז׳מיר ניט באַשערט געווען
עס זאָל מיין יונג געמיט
זיך טוליען צו אַ יונגער בלום,
וואָס האָט זיך ערשט צעבליט? —
צו קענען איר באַזינגען,
ווי אַ פרילינג-ליד...

פאַרוואָס האָט שטענדיק נאָר דער האַרבסט
געבלייבט אין מיין געמיט
און עלטער און פאַרוועלקטקייט,
פאַרנומען האָט מיין ליד?
ס׳האָט יוגנט, שיינקייט, מיך אויסגעמיטן,
ביז יוגנט האָט פאַרבליט...

און איצט... ווען עלטער, יאָרן,
שווערן מיין געמיט,
און בלעטער האַרבסטיק-גאָלדיקן
מיינע לעצטע טריט..
פרעג איך אַלץ און פרעג: „פאַרוואָס?״ —
נאָר גורל ענטפערט ניט...

## צי קען מען זיך נערן...

צי קען מען זיך נערן פון אייגענעם „איך"
אָן אַ וואַרימען, נאָענטן בליק אַרום זיך?
אפילו אַלס קינד, וואָלט איך לאַנג ניט דערצויגן,
ווען ניט דער מאַמע־בליק פון מאַמע'ס אויגן...

ווינטער, אין שטוב האָט די קעלט שטאַרק געברענט,
פאַרפרוירן געוועזן זיינען קינדערשע הענט;
הונגעריקע אויגן האָבן געקוקט מיט געבעט,
ביז כ'האָב דערפילט מאַמע'ס קוש, מאַמע'ס גלעט...

זיינען וואַרים געוואָרן מיינע פאַרגליווערטע גלידער,
אַ הונגעריקער אָנגעהויבן צו שפּילן זיך ווידער;
זיך געשפּילט ביי דעם אויוון, דעם קאַלטן אָן האָלץ,
אַז איך בין ניט קיין יתום — געווען בין איך שטאָלץ...

כ'בין שוין לאַנג ניט קיין קינד און די מאַמע איז טויט,
כ'וואוין אין אַ הויז אַ מאָדערנע געבויט;
כ'שלאָף אויף אַ בעט, אַזוי וואַרים אין איר —
טאָ פאַרוואָס אַזוי קאַלט, אַזוי קאַלט אַרום מיר?

אין מיין היים, אין דער צווייטער, אין גליקלעכן לאַנד,
פעלט אַלץ נאָך דער מאַמע'ס, איר צערטלעכע האַנט,
אירע פינגער צעקנייטשטע, מיט צויבערדיקן גלעט,
ווי אַמאָל אין מיין קאַלטער, מיין קינדערשער בעט...

## מיין טאַטנס וועג

כ׳האָב וועגן טאַטן מיינעם ניט קיין סך געזונגען,
אין לידער ניט פאַראייביקט זיין געביין;
מיין פאָטער׳ס שווערן לעבן הויך ניט צעקלונגען,
דאָס ליד, מיין טאַטנס ליד, — בין איך אליין.

כ׳גיי דורך דעם זעלבן לעבנס-וועג, ווי ער,
און אין יעדן ליד, אין יעדן מיין געזאַנג,
ווייַן איך אויס מיין טאַטנס שטילע טרער,
גיי איך מיט זיין לאַנגן, שווערן גאַנג.

## כל זמן איך לעב

כל זמן איך לעב,
יעדער שטיקל פּאַפּיר,
ווי אַ טייערער אוצר,
איז טייער ביי מיר.

כ׳צערטל און גלעט עס
מיט ליבשאַפט-געפיל,
ווי דאָס וואָלט געווען
מיין לעבן, מיין ציל.

כ׳האַלט עס פאַרשלאָסן,
ווי אַן אוצר׳דיק ווערט,
ווי ס׳וואָלט אייביק לעבן
זיין מיר באַשערט.

נאָר שפּעטער, נאָך מיר,
וועט אַלץ זיין אומזיסט;
מ׳וועט עס פאַרטראָגן
וואו אויפן מיסט...

## מיינע תפילין

כ'האָב היינט געפונען מיין זעקעלע תפילין,
דאָס זעקעלע אַלט, און צעלעכערט פון צייט;
כ'פיר עס מיט זיך ווי אַ הייליקן אָנדענק,
פון אינגעלשע יאָרן, פון היימישער ווייט.

כ'האָב עס געהיט אין מיין שטענדיקן וואַנדער,
אַזוי ווי אַ סימבאָל פון אַלץ וואָס פאַרגייט;
דעם נחת דעם גרויסן, פון ווערן בר מצוה —
דעם טאַטנס, דער מאַמעס, פרום־אידישער פרייד.

די שוועסטער, וואָס האָט מיט אַ פרייד מיר געשאָנקען
פאַר די תפילין, דאָס זעקעלע, פשוט און שיין;
דאָס תפילה'דיק מורמלען, פון ברודער, דעם פרומען:
„זאָלסט האַלטן די תפילין אי הייליק, אי ריין."

— — — — — — — — — — — — — — —

ס'זיינען שוין צענדליקער יאָרן פאַרגאַנגען,
דער קאַמף פאַרן לעבן אין „גאָלדענעם" לאַנד
האָט מיר קיין רו און קיין צייט ניט געגעבן,
צו נעמען די תפילין אַמאָל אין דער האַנט...

כ'קוק איצט אויף זיי און אויף זיך מיט באַדויער,
מיר טראָגן דאָך ביידע דעם גורל פון צייט;
מיר האָבן דאָך ביידע אַזוי פיל פאַרלאָרן,
עס האָבן די וועגן — אונז אָפּגעטיילט ווייט.

## אַלטע בריוו

כ׳לייען אַלטע בריוו
פון צייט און יאָרן פאַרגעלטע;
אין איינעם אַזוי פיל צער,
אין צווייטן — האָפענונגען צעהעלטע.

אין דריטן — בענקשאַפטן פיל,
אין פערטן — לוסט און באַגער;
אין פינפטן — ליבע־געפיל,
אין זעקסטן — אַ טרייסט און אַ טרער...

אין זיבנטן — פון אַ ליבן פריינט,
אַ נאָנטן, וואָס איך האָב געהאַט,
וואָס האָט מיר מיין לעבן באַשיינט
און געענדיקט האָט זיך מיט פאַרראַט.
— — — — — — — — — — —

כ׳לייען און לייען די בריוו,
ווי גרוסן פון ווייט־וויייטער ווייט — — — —
און מיר דאַכט, ווי איך הער פון דער טיף
די שטימען, פון יאָרן און צייט.

## וואָס איז אַ בריוו?

וואָס איז אַ בריוו? —
אַ געפיל פון האַרצן טיף,
אַ געדאַנק אין שטיל פאַרטראַכט,
אַמאָל אין פיינלעך,לאַנגער נאַכט,
ווען מען קען ניט שלאָפן מער,
ס'ציטערט שטום אין אויג אַ טרער;
אַמאָל פון וויי, אַמאָל פון פרייד,
ווען דאָס האַרץ איז פול, צעגייט,
פון אַ בענקשאַפט ליב און צאַרט;
אַמאָל פון עלנט שטאַרק באַ'צער'ט,
אַמאָל פון ווערן אָפּגענאַרט...
— — — — — — — — — —
צי קען מען גאָר געפינען היינט
אַזאַ נאָענטן, ליבן פריינט,
מיט געפילן האַרציק, טיף,
צו פאַרטרויען זיך אין בריוו? —
— — — — — — — — — —
אַ נשמה-פריינט? — — — — — —

## קלערמאָנט פּאַרק

זיי געגריסט
מיין אַלטער, ליבער,
קלערמאָנט פּאַרק!
דו ווייזט אויס אַזוי אַנדערש
היינט, נאָך פינף און צוואַנציק יאָר...
דערקאָנסטו דאָס יונגע בחור'ל פון אַמאָל,
מיטן געדיכטן קאָפּ פעך־שוואַרצע האָר,
מיט די טונקל ברוינע, טיף פאַר'חלומ'טע אויגן?
— — — — — — — — — — — — — — —

פּאַרק מיינער,
דו ביזט אויסגעגלעט,
אויסגעפּוצט,
באַיוגנט און באַהעלט;
דיינעביימער בליען נאָך ליכטיקער,
דיין גראָז, זומערדיקער,
און די אַלייען דיינע, ניי געפלאַסטערט,
זינגען אונטער יונגע טריט...

און דער באַרג דאָרט ביים וועג,
וואו איך האָב מיינע ערשטע חלומות אויסגע'חלומ'ט
אין יונגע, ווייגענדיקע לידער,
מיט דער בענקשאַפט פון אַ יונגן טרוימער —
איז איצט אַ באַל־שפּיל אָרט,
וואו יונגע, געזונטע שפּילער
שפּילן אויס זייער יוגנט־געזאַנג,
פייפנדיק מיטן באַל הין און צוריק...

באַל... און לידער.
און איך בין איצט
פינף און צוואַנציק יאָר שוין מידער,
מיט אויסגעשפּילט געמיט,
מיט אַ לעבן באַלד פאַרבליט...

שפּילט, שפּילט, שפּילער,
גיכער וואַרפט דעם באַל!
דאָ אויפן זעלבן אָרט אַמאָל,
האָבן מיר, אַ גרופּע יונגע דיכטער,
אונדזערע לידער אויסגעשפּילט,
מיט אונדזערע מוזעס הויך און ווייט געצילט,
רוח-הקודש׳דיקן נחת געפילט...
און שיינע יונגע דאַמען האָבן אונדז באַגלייט,
מיט ציטערדיקן ליבעס-גלי
און יונגער פרייד —
ביז ס׳האָבן צייט און יאָרן
אונדז צעשיידט... — — — —

איצט זיץ איך דאָ אַליין
מיט מיין אַלטן פריינט, די פען,
און שרייב מיין ליד
מיט יונגן ברען,
ס׳ליד פון „קלערמאָנט פּאַרק"
מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק...

## יוסף מיט די ברידער

אָפּטמאָל ווען איך וויל זיך קריק
צו די קינדער־יאָרן אומקערן
און ווידער פילן קינדערש גליק
און ניגונים אַלטע הערן, —
צעזינג איך זיך אין שטיל די לידער
פון דער אַלטער יוסף־שפּיל,
פון יוספן מיט זיינע ברידער —
וועקט זיך אויף דאָס יונג געפיל.
— — — — — — — — — —

בעט זיך יוסף ביי די ברידער:
„טויט מיך ניט, איך בין נאָך יונג!״
און ער זינגט עס אויס אין לידער,
וועקט אין זיי דעם ברידער־פונק:
„ס׳וועט דער אַלטער טאַטע יעקב,
דאָס ניט קענען איבערטראָגן!״
ציטערט אויס זיין יונגע שטימע
מיט אַ וויינען, מיט אַ קלאָגן.

נאָר די ברידער פול מיט שנאה
זיינע טרערן ניט באַמערקן;
ס׳ברענט אין זיי די ווילדע קנאה,
פאַרקויפט מען אים כאַטש צו די טערקן.
און מען ברענגט דאָס זיידן העמדל
צו דעם פאָטער — מיט אַ ליגן;
הייבט זיך אָן דעם אַלטן פאָטער׳ס
מידער גוף פון צער צו וויגן.

און ער צעזינגט זיך מיט אַ טרויער:
„ס'האָט גאָט געטאָן אַזוי באַשערן!"
און אויף זיין באָרד דער לאַנגער, גרויער,
פאַלן, פאַלן הייסע טרערן.
און די ברידער צער־פאַרשעמטע
שטייען מיט די קעפּ געבויגן,
די פּנים'ער פון ווי פאַרקלעמטע,
מיט קין־צייכן אין די אויגן.

און זיי זינגען און זיי בעטן:
„פאָטער, פאָטער, הער אויף וויינען!
אַ נס קען יוסף'ן נאָך רעטן
און דיין עלטער נאָך באַשיינען!"

נאָר ס'לאָזט דער אַלטער יעקב
זיך ניט טרייסטן, ניט פאַררײדן;
דריקט צום האַרץ „ס'בלוטיג" העמדל
און ער זינגט צו דעם דורך ריידן:
„אוי, יוסף, יוסף, זון געטרייער,
שטענדיק וועל איך נאָך דיר קלאָגן,
דו ביזט געווען מיין בן זקונים,
האָט אַ חיה דיך פאַרטראָגן!"
— — — — — — — — — —

אָט אַזוי געזאַנג און לידער: —
כ'האָב יוסף'ס ראָליע דאַן געשפּילט!
שפּיל איך איצט מיין ראָליע ווידער,
אין קינדער־חלום איינגעהילט.

# מיין ברודער — דער ציוניסט

(מיין ברודער אַלטער׳ס אָנדענק געהייליקט)

מיין ברודער אַלטער איז געווען אַ ציוניסט,
געשריבן לידער, ווי מ׳האָט געשריבן אַמאָל
אין ערשטער, ציוניסטישער קאָנגרעס-צייט,
און זיי געזונגען הויך אויפן קול.

פאַרפאַסט די מעלאָדיעס אַליין לויטן ליד
און די ניגונים צווישן אידן פאַרשפרייט;
די ווערטער געזונגען מיט טיפן געפיל,
האָבן געקלונגען מיט האָפענונג, געקלונגען מיט פרייד.

כ׳געדענק נאָך שורות אַ פאָר פון אַ ליד:

„אין דיין אַלטן אָרט, אין ארץ-ישראל דאָרט,
וועסטו נאָך זייען און פלאַנצן.״
און זינגענדיק פלעגן זיינע יונגע טריט
פון גליק און פרייד אונטערטאַנצן...

כ׳בין דעמאָלט געווען זיבן-אַכט יאָר אַלט,
זיין טאַנצן איז פאַר מיר געווען אַ חידוש:
ס׳איז פרייטיק-צונאַכט, דער טאַטע קומט פון שול —
און האָט ניט איבער וואָס צו מאַכן קידוש...

נאָר מיין ברודער זינגט און פאַרהיימלעכט די הויז
מיט זיינע „ציוניסטישע זמירות״ ביים טיש,
מיר העלפן אַלע מיט און מיר דערפילן דעם טעם,
פון ווייַן, פון פלייש און פון פיש...

— — — — — — — — — — — —

ניט דערלעבט האָט מיין ברודער די גרויסע גאולה,
ער איז אומגעקומען פון אַ נאַצי-האַנט.
זינג איך פאַר אים איצט זיין חלום-ליד,
פון באַנייטן, אידישן לאַנד!...

# ביי מיין שוועסטער׳ס קבר

דעם הייליקן אָנדענק פון מיין אומגעקומענער
פאַמיליע דורך די נאַצי־רוצחים.

ס׳איז גוט, וואָס ס׳איז מיר כאָטש פאַרבליבן
איין קבר דאָ, צו וועמען צוצוגיין,
וואו כ׳זע מיט די אייגענע אויגן פאַרשריבן,
כאָטש איין נאָמען פון מיין משפחה־געביין.

וואו כ׳קען צופאַלן מיט מיין טרויער און וויי
און האָבן דאָס געפיל: דאָ ליגן אַלע ביינאַנד;
אַוועקלייגן מיין האַרץ צוזאַמען דאָ מיט זיי,
מיט זיי, די קדושים, פון רוצח׳ס האַנט.

ניט פרעגן, ווי אַזוי ס׳איז דער נס געשען,
ווי זיי קומען דאָ פון גאַז־קאַמער־פאַרצערט?
אָ, שוועסטער, ס׳איז, מסתמא, דיר באַשערט געווען
ס׳זאָל דיין קבר זיין דאָ אויף היגער ערד.

דו זאָלסט דער אָנדענק זיין נאָך אַלע אונדזערע דאָרט:
איין וויי, איין טרויער, איין מצבה־שטיין.
איז הייליק מיר דער אָנדענק, איז הייליק מיר דאָס אָרט —
איין קבר כאָטש צו וועמען צוצוגיין.

## צום שווערסטן איז...

צום שווערסטן איז מיר דעמאָלט, ווען
כ׳גיי פאַרביי אויף אַלטע וועגן
און עפּעס גיט אין האַרץ אַ ברען,
געקומען איז מיר וואָס אַנטקעגן:

אַ הויז וואו איך האָב ווען געלעבט,
אַן אַלטע באַנק, אויף איר געזעסן
און חלומות זיך געוועבט,
וואָס איך האָב שוין לאַנג פאַרגעסן.

אַ פּנים, אַזוי ליב און צאַרט,
וואָס האָט מיך שעלמיש צוגעצויגן,
און צום סוף מיך אָפּגענאַרט —
פאַלש דאָס פּנים, פאַלש די אויגן.

אַ שטילער ווינקל וואו איך האָב
זיך דין וחשבון אָפּגעגעבן;
און זיך דאָרט פאַרקלאָגט פאַר גאָט,
אויף מיין איינזאַם, שווערן לעבן.
— — — — — — — — — —

שווער צו קומען אין באַריר
מיט אַלטע וואונטשן און פאַרלאַנגען;
מיט אַ צוגעמאַכטע טיר,
לאַנג, שוין לאַנג, פאַרבייגעגאַנגען.

## כ׳האָב ליב געהאַט צו שרייבן לידער

כ׳האָב ליב געהאַט צו שרייבן לידער,
ס׳האָט מיך באַפרידיקט, געגעבן רו:
געשריבן טיף פון האַרצן, ווי צו אייגענע ברידער,
אַזוי פשוט, האַרציק, גערעדט צו זיי אויף „דו״.

ניט געקינצלט כ׳האָב די ווערטער און די גראַמען,
אָבער פול מיט ליבשאַפט און מיט טיף געפיל,
ווי עס רעדט אַ קינד מיט צוטרוי צו דער מאַמען,
ווען עס וויל זיך איר פאַרטרויען עפּעס שטיל.

כ׳בין שוין היינט ניט מער דאָס זעלבע „קינד״,
שווער באַלאָדן איז מיט יאָרן מיין געמיט.
היינט וויים איך, אַז ניט אָפּהיטן דעם ריטם איז אַ זינד,
אַז וועגן, מעסטן, מוז מען יעדן אות פון ליד.

איז מיין ליד געוואָרן שענער, ליריש־ווייכער,
אַלץ איז אויף אַן אָרט, די זילבן און די גראַמען. —
נאָר דאָס „דיכטער־קינד״ איז אָרימער און בלייכער,
און קען ניט אויסשרייען זיין וויי — ווי צו אַ מאַמען.

## ס'איז ביי מיר אַ שפּע

ס'איז ביי מיר אַ שפּע
היינט, פון נייע לידער;
ס'האָט מיין האַרף, די מוזע,
זיך צעזונגען ווידער.

כ'האָב געוואָלט אויפהערן
און ניט זינגען מערער, —
איז מיין שווערער לעבן,
מיר געוואָרן שווערער...

וועל איך זינגען, זינגען,
שטאַרקער נאָך און מערער,
ווי ס'זינגט אַ שיכור,
מיט זיין כוס דער לערער...

## כ'בין געבוירן אין לידער

כ'בין געבוירן אין לידער, זיי זיינען מיין רייכטום, מיין געלט,
מיט זיי און אין זיי, אויסלעבן וועל איך מיין וועלט.
און ווען אַלט וועל איך זיין, פון לעבן אַ מידער,
וועל איך אַלץ לייענען און שרייבן לידער.

כ'וועל לייענען און שרייבן אין שטילקייט פון נאַכט,
ווען ס'שלאָפט איין די וועלט מיט אויגן פאַרמאַכט;
ווען איך בין אַליין, אַליין בלויז מיט זיך,
אין הייליקע שעה'ען פון איינזאַמען „איך".

כ'וועל לייענען די לידער, ווי קריאת־שמע פאַרן שלאָף,
מיט האָפענונג און גלויבן, אָן מורא פאַר שטראָף.
און ווער אויסגעלייטערט פון זינד און פון צאָרן
און שלאָף רואיק איין, ווי אַ קינד ניי־געבאָרן.

# אין שפּעטע שעה׳ען

## רואיק זיי!

רואיק זיי, מיין פריינט,
רואיק זיי;
ס׳איז דער שניי נאָך אַלץ
ווייס און ניי.

זיינען ווייס די האָר
אויף דיין קאָפּ —
נעם און שליטל זיך
באַרג אַראָפּ...

רואיק זיי, מיין פריינט,
רואיק זיי;
ס׳איז דער שניי נאָך אַלץ
יונג און ניי...

## איז דיין זומער שוין פאַרביי

איז דיין זומער שוין פאַרביי —
איז דער ווינטער דיר נאָך טריי...
בלענדן שנייען פאַר דיין בליק,
פילסטו נאָך אַ קינדערש גליק...

שטאַרקט דער פראָסט די גלידער נאָך
איינגעפרעסט פון לעבנס־יאָך...
יאָגט דיר נאָך אַ ווינט־געזאַנג,
און פאַרשנעלט דיין שווערן גאַנג...

ווערן יונגער דיינע טריט,
פון דיין לאַנגן וועג שוין מיד...
— — — — — — — — —
איז דיין זומער שוין אַוועק,
איז נאָך ווייט צום ווינטער־ברעג...

## אַ טאָג אַזאַ

אַ טאָג אַזאַ, אַ ווייסער טאָג,
אַ ווייסער טאָג פון שניי;
טוט מערער נאָך דאָס יונגע האַרץ,
אוי ווײ אַזוי און ווײ...

בענקט מערער נאָך דאָס יונגע האַרץ,
עס בענקט און בענקט אַזוי;
און מידער ווערט דער יונגער קאָפּ
און ווייסער נאָך פון שניי...

העי, העי, איר שטיפער פון דעם היינט,
אַ שטיפער פון אַמאָל, —
אָ, וויל מיט אייך ווערן פריינט
און שפּילן מיט אייך די ראָל...

איך קען די שפּיל שוין לאַנג, שוין לאַנג,
די שפּיל פון שניי און גליטש;
אָט לאָז איך זיך אַרונטער גלייך,
אַרונטער מיט אַ קוויטש...
— — — — — — — — — —

אַ טאָג אַזאַ, אַ ווייסער טאָג,
אַ ווייסער טאָג פון שניי...
בענקט מערער נאָך דאָס יונגע האַרץ,
און בענקט און בענקט אַזוי...

## פרילינג־שניי

עם טרעפט ס׳גיט אַ פאַל אַ שניי
ווען בליען דאַרף שוין גראָז און בלום:
וואַכט אויף צוריק דער ווינטער־ווויי
און ס׳ווערט דאָס האַרץ פאַרקלעמט און שטום.

און ס׳בלייבט דער פרילינג, ווי פאַרשעמט,
מיט פאַרדעקטע וואונדן טיף!
אַזוי, מסתמא, ליגט פאַרקלעמט
אין אָפּגרונד, אַ געזונקען שיף.

## קנייטשן...

די קנייטשן פון לעבן
זיי זיינען פאַרשידן;
אַמאָל פון דער עלטער,
פון לעבן דעם מידן.

אַמאָל פון די זאָרגן,
פון מזל, דעם טריבן,
אַמאָל פון ניט קריגן
די, וואָס מיר ליבן.

די קנייטשן פון לעבן
ביים אָרימען, רייכן,
געבענטשט איז די האַנט,
וואָס קען זיי אויסגלייכן.

## ס׳ווערן קילער די טעג

ס׳ווערן קילער די טעג
און שטילער דאָס ליד;
און טונקל דער וועג,
און איך — אין דער מיט...

ס׳ווערט ענגער די נויט,
ווי אין קייטן געשמידט;
און אָרימער דאָס ברויט,
און איך — אין דער מיט...

ס׳ווערט שווערער די וועלט
צום אָפּגרונט זי ציט;
מענטש אָטעמט מיט קעלט,
און איך — אין דער מיט...

## ניטאָ קיין צייט מער פאַר קיין שפּיל

ניטאָ קיין צייט מער פאַר קיין שפּיל,
דער אָוונט קומט מיט שטילע טריט;
און טונקל ווערט אַרום און שטיל,
און אומעטיק דאָס יונגע ליד.

פון דעם טאָג אַן אָפּקלאַנג בלויז
ציטערט נאָך ביים זון־פאַרגאַנג;
און ווי אַ קינד אויף מאַמעס שויס,
דרימלט איין דאָס ווייט געזאַנג.

און דאָס געמיט פון אָוונט שוואַרץ,
בויגט זיך איין דערשראָקן שטיל — — —
שלאָף איין, שלאָף איין, מיין יונגע האַרץ.
ניטאָ קיין צייט מער פאַר קיין שפּיל.

## שטילקייט

שטילקייט פון נעכט
אין שטילע פאַרטאָגן;
שטילקייט פון האַרץ,
אין פיין־שטומען נאָגן.

שטילקייט פון שטילן
און בייסענדן צאָרן;
שטילקייט פון שרעק
פאַר די עלטערע יאָרן.

שטילקייט פון ווייטע,
פאַרגייענדע קלאַנגען;
שטילקייט פון לעצטע
אָונט־געזאַנגען.

## וואָס ס׳וועט זיין וועט זיין

וואָס ס׳וועט זיין וועט זיין,
ס׳איז דאָך שוין דער וויין
אויסגעטרונקען סיי ווי סיי,
און שיכור בין איך ניט — — —
שווער איז נאָר ווי בליי
מיין קאָפּ — און שווער די טריט.

וואָס ס׳וועט זיין וועט זיין,
אָ, אַלטער מזל מיין!
כ׳האָב פאַר דיר קיין בייז געפיל,
טוסט דאָך פאָרט אַמאָל אַ שיין,
און ס׳גיט פון צייט צו צייט אַ שפּיל
אין לעבנס־כוס דער וויין.

וואָס ס׳וועט זיין, וועט זיין!

## איך בין נאָך אַלץ אַ קינד...

איך בין נאָך אַלץ אַ קינד,
וואָס וויל זיך שפּילן נאָך,
וואָס ווייס ניט פון קיין זינד
און פון קיין צוים און יאָך.

עס איז מיין האַרץ נאָך יונג
און יונג איז מיין געפיל:
אַ יעדער בליק און וואונק,
אַ לייכטער קינדער־שפּיל.

און יעדער טראָט אַ טאַנץ
אין לעבנס גרויסן זאַל —
און יעדער קוש אַ קראַנץ,
און יעדער לאַד אַ שטראַל.

איך בין נאָך אַלץ אַ קינד,
די צייט איז שטרענג און אַלט:
און שרייט: „עס איז אַ זינד!"
און באַשטראָפט מיך באַלד.

## די צייט

כ׳בין נאָך מוטיק, כ׳בין נאָך יונג,
נאָר די צייט איז אַלט;
ס׳גליט אין מיר נאָך יוגנט־פונק,
נאָר די וועלט איז קאַלט.

ס׳שלעפּט די צייט זיך שווער און מיד
אין ציטער און אין קעלט;
און ס׳פרירט דאָס יונג געמיט,
אין אַ קאַלטער וועלט.

## אַ חלום געווען

אַ חלום געווען
און איצט איז עס וואָר.
און וואָס איז געשען,
עס איז מיר ניט קלאָר.

דאָס לעבן אַליין
דעם חלום באַשייד —
אַמאָל איז דאָס אַנגסט,
אַמאָל איז דאָס פרייד.

אַמאָל איז דאָס ליב,
אַמאָל איז דאָס האָס;
אַמאָל איז דאָס טריב,
אַמאָל איז דאָס שפּאָס.

אַמאָל איז דאָס גליק,
אַמאָל איז דאָס פּיין;
אַמאָל איז דאָס סם,
אַמאָל איז דאָס ווײַן.

— — — — — — — —

אַ חלום געווען
און איצט איז עס וואָר.

## ש ט י ל ע ר

שטילער ווערן די פאַרלאַנגען,
שטילער ווערט דער אומרו טיף,
ווי די ליכט וואָלט אויסגעגאַנגען
אויפן מיטן ים אין שיף...

שטילער אָטעמען די געפילן,
ווי די נאַכט וואָלט זיי פאַרוויגט
אין אַ טיפן שלאָף אַ שטילן,
פון אַ זיסע זינד באַזיגט.

## באַרג אַראָפּ

באַרג אַראָפּ, באַרג אַראָפּ,
אין איינזאַמען וועג;
ווערן שווער, ווערן ליב,
די שעה'ן, די טעג.

די נאַכט רוקט זיך נענטער,
די זון שוין אַוועק;
פון פאָרנט דער צווייפל,
פון הינטן די שרעק.

באַרג אַראָפּ, באַרג אַראָפּ,
ניט אַהין, ניט אַהער...
און פלוצלונג אין טיפן,
אין פינצטערן לער.

## מיט אונדזער לעבן

מיט אונדזער לעבן מאַכן מיר קיינעם ניט רייך,
מיט אונדזער שטאַרבן מאַכן מיר קיינעם ניט אָרים:
קומט דער סוף דאָך צו אַלע, צו אַלעמען גלייך —
קומט פאַרהוילן צו קריכן, אַזוי ווי אַ וואָרים...

אונדזער וויסן און מאַכט ווערט ביים ענדע צעשטערט,
אַזוי ווי פון פינגער אַ נאָגל פאַרשניטן;
קען זיין, אַז אַ נאָגל האָט מערער די ווערט,
ווי דאָס, וואָס פון לעבן אויף טויט ווערט פאַרביטן.

ווערן האָר דאָך פון שוואַרצע אויף ווייסע געפאַרבן
און קערפּער און ווענט, פאַרשרומפּן, צעפאַלן.
וואָלט דער מענטש, ווי די זון, כאָטש אין שיינקייט אָפּשטאַרבן,
פאַרגיין אין אַ נעץ פון רויט-גאָלדיקע שטראַלן...

## אין די מיטעלע יאָרן

מיר, אין די מיטעלע יאָרן,
וואָס זיינען שוין האַלב אָפּגעפאָרן;
מיר שטייען שוין איצט פון דער ווייטן,
אַרום ביי דעם צאָם — ביי די זייטן.

און קוקן אַריבער אַנטקעגן
און זעען, ווי אונזערע וועגן,
די אינגערע האָבן פאַרנומען;
מיר קוקן, מיט טרויער, מיט שטומען.

דאָס האַרץ איז נאָך יונג ווי ביי קינדער...
זיי... מעגן... און אונז רופט מען זינדער.
און ווילט זיך ווען געבן אַ שפיל,
מוז מען דאָס טאָן אין דער שטיל.

## מ י ר...

מיר... מיר האָבן אונדזער טיפע וועלט,
אונדזערע פאַרלאַנגען און געפילן;
מיר, אין אונדזער איינזאַמען געצעלט,
האָבן נאָך פאַר זיך פיל לעבנס-צילן.

מיר ליבן נאָך... און זיינען פול מיט לויב,
פאַר אַלץ, וואָס קען נאָך ברענגען גליק און פריידן;
פאַרדעקן קען אונדז ניט דאָס אַלטע שטויב,
ווי אַמאָל, דעם אַלטן, ליבן זיידן.

האַלבער וועג... נו, וואַנדערן מיר ווייטער,
ווינטער איבער שניי, און זומער איבער גראָזן;
ווי פון באַרג אַראָפּ אַ שטאָלצער רייטער, —
ביז די זון וועט זיך אַרונטערלאָזן...

# איר יונגע...

איר יונגע, איר רייצענדע מיידלעך,
מיט רויטע, און קורץ־דינע קליידלעך,
אין קורצע, געשאָרענע האָר,
פון זעכצן, און זיבעצן יאָר.

יונגע, אין אָנפאַנג פון בליען:
מיט אויגן, וואָס גליען, און ציען;
מיט שטימען, מיט העלע, וואָס קלינגען;
מיט שמייכלען, מיט זיסע, וואָס זינגען.

כ׳האָב אייערע מאַמעס אַמאָל,
געקענט אין אַ גרעסערער צאָל.
צוזאַמען מיט זיי געשפּאַצירט,
געהוליעט, און ליבעס געפירט.

איצט, איז די צייט אַנגעלאָפן,
אין מיטן דעם וועג אונז געטראָפן;
און פּלוצלונג אַ שטעל אָפּ געגעבן —
זייט איר איצט, די „העלדן" פון לעבן.

## ס׳איז ניט די יאָרן

ס׳איז ניט די יאָרן וועלכע לויפן אָן
און פאַלן ווי אַ ווייסער שניי אַראָפּ;
עס איז דער קאַמף, דער שווערער לעבנס־יאָך,
וואָס פאַרווייסט דעם שטאָלצן, יונגן קאָפּ.

ס׳איז ניט די צייט וואָס קומט און פליסט פאַרביי,
ווי אַ שטראָם אין ווייטקייט אומבאַקאַנט;
עס איז דער אומרו, וואָס פאַרפאָלגט און נאָגט
און מאַכט ציטערן דיין יונגע האַנט.

## יאָרן

יאָרן קענען ניט באַזיגן
יוגנט'ס שטורעמדיקע בלוטן;
ס'זיינען ליב נאָך די מינוטן,
לייכטזינ'ס פרייד און פאַרגעניגן.

הויבן אָן אויף דיר צו קוקן
אַ פּאָר שיינע פרויען־אויגן;
גלייכט זיך אוים דיין מידער רוקן,
פון דעם לעבן איינגעבויגן.

ווערסטו יונגער, און פאַרשייטער,
ווילסטו לויפן, טאַנצן, שפּרינגען —
אַ באַפרייטער, אַ באַנייטער,
נייע יוגנט־לידער זינגען.

## מאָמענטן

ס'קומען איצטער נאָך מאָמענטן
ווי אַמאָל אין יונגן בלי;
ס'וואַרפט דאָס לעבן צו פּרעזענטן,
ווי פונקען אינעם מיטן גלי.

נעם איך זיי אָט די מאָמענטן,
פריי איך זיך מיט זייער גאָב;
ווי אַ קינד מיט שפּיל־פּרעזענטן,
שפּילט מיט זיי מיין גראָער קאָפּ.

און אין שפּיל אַ יונג־צעהיצטער,
ווערן נעכט צעבליט אין טעג;
ווי אָנגעהויבן וואָלט איך איצטער
גאָר אַ נייעם, יונגן וועג.

## זיינען זיי געוועזן

זיינען זיי געוועזן,
זיינען זיי אַוועק;
זיך צעגאַנגען יעדער
אויף אַן אַנדער וועג.

ווער עס האָט שוין רו,
ווער עס וואַנדערט נאָך;
ווער עס האָט אַ היים,
און ס'איז שווער דער יאָך.

ווער ס'איז שוין מיד,
זוכנדיק דעם וועג, —
זיינען זיי געוועזן,
זיינען זיי אַוועק...

## און אָפּטמאָל

און אָפּטמאָל אין חלום
זיי קומען צוריק;
פון איינער — אַ שמייכל,
פון צווייטער — אַ בליק.

וואו זיינען זיי אַלע?
דאָס ווייס איך ניט איצט;
נאָר עפּעס האָט יעדע
פון זיי איינגעקריצט,

וואָס קרייצט זיך אין לעבן
דורך וויי, און דורך גליק;
און אָפּטמאָל אין חלום,
זיי קומען צוריק.

## ווער?

ווער וועט באַנייען דאָס לעבן
אין מיטעלע יאָרן?
מיט ליבע און ציטער באַגלייטן
אין ווייטערן פאָרן?...

ווער וועט אָנצינדן די ליכטער,
באַלייכטן די וועגן?
מיט שמייכל און יוגנט־געזיכטער
אָנקומען אַנטקעגן?

ווער וועט מיט בענקשאַפט אָנפילן,
מיט האַרציק, געטרייע?
און וועקן אין האַרצן געפילן
אַלטע — און נייע?...

## און באַלד

און באַלד וועלן האָר—גרויע זילבערנע פעדים זיך קרייזלען,
צעוואָרפן אַריבער מיין נאַקן, אַריבער מיין שטערן.
עס וועט מיך די עלטער באַגריסן מיט בלייך־קאַלטע פינגער,
זי וועט מיך באַגריסן, אַן אַלטן, פאַר׳חלומ׳טן זינגער.

אַלט וועל איך זיין און צעשראָקן, מיין יונגע נשמה
וועט בלאָנדזשען און זוכן מיין לאַנג שוין פאַרגאַנגענע יוגנט,
אַזוי ווי אַ ים־פויגל בלאָנדזשעט, ווען פלוצלונג פאַרפאַלן
געוואָרן די שיף איז, וואָס זי האָט באַגליט אויף די וואַלן...

## אַ וואַלץ...

אומעטיק די וואַלץ-מוזיק —
דריי איך זיך אין קלאַנג-געוועבן —
איינס, צוויי, דריי, איינס, צוויי, דריי,
דורכגעדרייט אַ האַלבן לעבן.

מיינע בליקן בלאַנדזשען אום
אין דעם שטראָם פון פאַרבן-ליכטער —
איינס, צוויי, דריי, איינס, צוויי, דריי,
שוועבן דורך פאַר מיר געזיכטער.

פנימער באַקאַנטע פיל,
איך דערקען זיי... הער און דאַמע —
איינס, צוויי, דריי, איינס, צוויי, דריי,
טאַנצט אַ מאַמע מיט אַ מאַמע.

און די טעכטער, יונג און שיין,
טאַנצן מיט די יונגע הערן —
איינס, צוויי, דריי, איינס, צוויי, דריי,
מאַמעס קענען יונג ניט ווערן.

פלעגן מאַמעס דאָך אַמאָל
ווי די טעכטער, בליען, בליען!
איינס, צוויי, דריי, איינס, צוויי, דריי,
יונגע לייט אין טאַנץ צעגליען.

און די טאַטעס, יונג און פריי,
פול מיט שטורעם, פול פאַרלאַנגען —
איינס, צוויי, דריי, איינס, צוויי, דריי,
פלעגן מיידל-הערצער פאַנגען;

טאַנצן טאַטעס, טאַנצן מאַמעס,
פּעלט דער אימפּעט אין די גלידער —
איינס, צוויי, דריי, איינס, צוויי, דריי,
און די טריט אַלץ שווערער, מידער.
— — — — — — — — — — — —
אומעטיק די וואַלץ-מוזיק —
דריי איך זיך אין קלאַנג-געוועבן —
איינס, צוויי, דריי, איינס, צוויי, דריי,
אָפּגעטאַנצט אַ האַלבן לעבן.

## אומעטן אַלערליי

אומעטן אַלערליי:
אומעט, וואָס שמערצט און טוט וויי.
אומעט פון טרויער פאַרקלעמט,
אומעט, וואָס וויינט שטיל, פאַרשעמט.
אומעט פון עלנט פאַר'צער'ט,
אומעט פון ווערן גענאַרט.
אומעט פון בענקען אין שטיל,
אומעט פון ליבע-געפיל.
אומעט אין איינזאַמער שעה,
אומעט פון זיין און ניטאָ.
אומעט מיט מענטשן אַ סך,
אומעט אין שטיף און אין לאַך.
אומעט, וואָס האָפט און וואָס גלויבט,
אומעט וואָס לייטערט, דערהויבט.
אומעט וואָס פּייניקט און שרייט,
אומעט וואָס בענטשט און באַפרייט.
— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —
אומעטן מיינע,
אַלע, אַלע זייט איר מיר ליב!

## די שעה איז שפּעט

די שעה איז שפּעט
און איך בין מיד ;
אין נאַכט-געבעט.
פאַרגייט מיין ליד.

אָ, גאָט, פאַרנעם
מיין תפילה-ליד,
ווען יאָרן שווערן
דאָס געמיט.

## ניטאָ מער דער דיכטער

ניטאָ מער דער דיכטער,
ס׳איז ליידיק דאָס אָרט,
ס׳ליד אויסגעגאַנגען,
פאַרשטומט האָט דאָס וואָרט.

דער שרייב-טיש פאַר׳אָבל׳ט,
ער שטייט ביי דער וואַנט ;
די פּען ליגט פאַר׳יתומ׳ט
און וואַרט אויף דער האַנט.

די ביכער אין שאַפע
אין עלענטער שעה,
עס דאַכט זיך, זיי וויינען :
דער מייסטער ניטאָ.

דער בוים ביי דעם פענצטער
פאַרטרויערט און באַנג ;
ער וויגט זיך און מורמלט
אַ קדיש-געזאַנג.

## נאָך אַזאַ טאָג אַ געשענקטער

נאָך אַזאַ טאָג אַ געשענקטער
אין לעצטן, אין זומער־פאַרגיי;
דער הימל, אַ בלויער, פאַרבענקטער,
ווי איך אין פאַרבאָרגענעם ווײ...

די זון אַזאַ מילדע און ווייכע,
שווימט לאַנגזאַם צום מערב־פאַרגאַנג — — —
באַלד וועט אַ לבנה אַ בלייכע,
זיך בלייכן אין הימלשן גאַנג...

— — — — — — — — — — — —

און איך וועל אַ מידער, אַ בלייכער,
איר נאָכגיין אין אייביקן גאַנג...

## אין האַרבסט

ס'וועט דער בלאַט אַן אָנגעבויגענער
זיך קיינמאָל מער שוין ניט אויפהויבן;
ס'וועט דער טרויער אַ פאַרצוויגענער,
זיך הוידען איבער אים פון אויבן.

ביז ער וועט פון בוים אַרונטערפאַלן
וועט שוין לאַנג, שוין לאַנג, ניט דויערן;
אים וועלן נאָך צומאָל אַ גלעט טאָן שטראַלן,
ווי זיי וואָלטן אים באַדויערן.

# די עלטער

די עלטער קומט אָן — זי איז דאָ!
כ'פיל עס שוין טיף אין די גלידער;
און ליבער עס ווערט מיר די שעה,
די רו־שעה, פון תפילה און לידער.

און ליבער עס ווערט מיר דער חלום
און ליבער עס ווערט מיר די וואָר;
דער חלום פון ליבע און שלום,
וואָס קומט מיט די עלטערע יאָר.

און ליבער מיר ווערן די מענטשן
און ליבער די טעג און די נעכט;
עס ווילט זיך מיר אַלעמען בענטשן,
צי זיינען זיי גוט, אָדער שלעכט.

כ'וויל שלום מיט אַלעמען ווערן —
מיט שונאים, מיט בייזע, און שלעכטע;
פאַרנעמען דעם צער און די טרערן,
אפילו פון די אומגערעכטע.

עס ווילט זיך מיר אַלעמען ליבן,
די עוולות פאַרגעסן, פאַרגעבן;
די יאָרן וואָס זיינען פאַרבליבן,
אין שלום, אין חסד אויסלעבן.

# די לעצטע

די לעצטע פאַרבליבענע אידן מיט לאַנג-גרויע בערד,
מיט ווייכע און שטילע, אַפּגעהיטענע טריט,
ווי זיי וואַלטן געטראָטן ניט-דאַאיקע דאָ אויף דער ערד, —
זיי זיינען פאַרבליבן אַזוי ווי אַן אַלט אידיש ליד.

מ'זעט זיי אַלץ זעלטענער, די מיט פרום-אידישן חן,
מיט שטערנס פאַרקנייטשטע, מיט אויגן פאַר'צער'ט,
פאַרקלערט;
מיט לאַנגע קאַפּאָטעס אויף גופים, וואָס בויגן זיך שוין
פון לאַסט פון די יאָרן, וואָס ציט זיי אַלץ נענטער צו דר'ערד.

און ווער וועט פאַרבלייבן נאָך זיי, אָט די אַלט-פרומע לייט,
וואָס האָבן געלעבט זייער לעבן אין קדושה, אין הייליק געבאָט,
און זיך ניט באַהעפטן געקענט מיט וועלט און מיט צייט —
געגלויבט און געדינט דעם אַלטן, דעם אייביקן גאָט?

און ווער וועט פאַרבלייבן נאָך זיי, נאָך זייער פאַרגיין,
ווען זען מ'וועט זיי שוין מער ניט אין שטוב און אין גאַס?
און ווער וועט באַשיינען די שול מיט פרום-אידישן חן? —
און ווער וועט אויספילן דעם חלל ביים מדרש און ש"ס?

זיי גייען אַוועק און זיי נעמען די הייליקייט מיט,
וואָס האָט אונזער גלויבן פאַר דורות געשטאַרקט און
געשפייזט;
מיט זייערע תפילות, פון הפקר און גזרות פאַרהיט,
געהייליקט דאָס אידישע לעבן מיט תורה און גייסט. — — —

אָ, ווער וועט פאַרבלייבן נאָך זיי?

## נאָכן יאַריד...

זיי זיצן אויף די בענק אין פּאַרק, אַלט און מיד,
באַפרייטע שוין פון דער לאַסט פון לעבן;
און לייכטע פאָרן זיי שוין פון יאַריד,
אַלץ שוין אויספאַרקויפט, אַלץ שוין אָפּגעגעבן...

די יונגע כחות אין לאַנגן וועג פאַרשווענדט;
אַלעמען פאַרזאָרגט: היים, ווייב און קינד;
דאָס קענען עדות זאָגן זייערע מידע הענט,
וואָס טרייסלען זיך ווי צווייגן פונעם אָסיען-ווינט...

ניטאָ קיין בענקשאַפט מער נאָך עפּעס, וואָס געשטרעבט
און זאָרגן דאַרף מען שוין ניט פאַר פּרנסה מער;
ווער מיט הילף פון קינדער, ווער פון קצבה לעבט,
נאָר די איינזאַמקייט עס דריקט זיי אַזוי שווער...

וויגן זיך די אַלטע, גרויע קעפּ
איינס צום צווייטן אַזוי נאָנט, געטריי,
ווי צוזאַמען גיין מ׳וואָלט די לעצטע טרעפּ —
אַראָפּ, אַראָפּ, אין אַ לאַנגער ריי...

# נוירסעס

נוירסעס יונגע, איידעלע און שיינע,
ווי מלאכימלעך, זיי פלאַטערן אַרום
אין די ווייסע קליידעלעך די ריינע,
מיט נאָגען־פנימלעך, גוט און פרום...

זיי פלאַטערן צו אַ יעדן קראַנקן צו
און נעמען אָן זיין האַנט לייכט און צאַרט אַזוי;
און ברענגען מיט מיט זיך באַרוענדיקע רו
און פאַרלייכטערן דעם טיף־פאַרדריקטן ווי...

זיי בעטן אויס דאָס בעט און גיבן מעדיצין
און פאַרשרייבן אַלץ, ווי אַ טיפן סוד;
ס׳האָט אַ יעדער בליק זייערער אַ זין,
און מען פילט ווי הילף געקומען וואָלט פון גאָט...

די נאַכט פאַלט צו, ס׳לעשן זיך די לאָמפּן אויס
און שווערער ווערט די קראַנקע אויף די געמיטער
— דער ווייטאָג טיף, דער אומעט שטיל און גרויס
ליגט מען איינזאַמע אין ווייטיקדיקן ציטער...

ס׳הערן קרעכצן זיך פון דאָרט און דאָ,
ווי זעגן טעמפּע וואָלטן זיך געשניטן...
ציען זיך מינוטן ווי אַ שעה,
און אַ שעה אויף לאַנגער נאַכט פאַרביטן...

ס׳קומט צו די נוירס מיט לאַנגזאַם שטילע טריט,
אַ בליק... און סודותדיק זי ווערט פאַרשלונגען...
דאָך דערפילט מען, ווי אַ מאַמע וואָלט אַ ליד
איר קראַנקן קינד פאַרן שלאָף געזונגען.

## דער „אָרדערלי"

דער „אָרדערלי", וואָס אַרבעט אין שפּיטאָל,
אַ פּראָסטער, אַרבעטזאַמער מאַן,
ווי אַ פאָטער צו זיין קראַנקן קינד,
אַזוי פיל גוטסקייט איז אין אים פאַראַן.

ער וואַשט דעם קראַנקענ'ס אויסגעמוטשעטע לייב
און לייזט די קראַנקע גלידער אויס פון פּיין;
זיין יעדער ריר, זיין יעדער אַלקאָהאָל-רייב,
דערקוויקט ווי אַלטער, שטאַרקער וויין...

ער נעמט דעם שמוץ אַוועק, רייניקט אויס די בעט,
וואו דער קראַנקער נעכט און טעג פאַרשווענדט;
כאָטש די ווערטער זיינע פּראָסט אַזוי גערעדט —
זאָלן זיין געבענטשט זיינע גוטע הענט...

# אין וואַנדער־וועג

* * *

ווען מען פֿאַרלירט אַלץ
און ס׳בלייבן בלויז איבער
פרעמדע און קאַלטע שטיבער,
ווי פרעמדע קברים־גריבער —

וואו קערט מען זיך דאַן ?
וואו ווענדט מען זיך דאַן ?

און דאָרט וואו מ׳איז איינגעלעבט,
וואו מ׳האָט אַ לעבן אָפּגעשטרעבט
און געהאָפּט און געוואַרט,
איז מען אָפּגענאַרט —

וואו קערט מען זיך דאַן ?
וואו ווענדט מען זיך דאַן ?

ס׳איז דאָ נאָר איין וועג :
נעם דיין אָרימען פֿאַרמעג
און לאָז זיך וואַנדערן וויַיט,
אפשר וועט דיין לעבן ווערן באַנייט —
— — — — — — — — — — —
האַלט זיך ניט צוריק,
צו זוכן דיין גליק.

## באַגלייט מיך זון...

באַגלייט מיך זון, באַגלייט מיך אויף די וועגן,
ניט אָפּטער קומסטו אָן מיר אויפֿן וועג, —
אויף מיין וואַנדער מיט מיין אָרימען פאַרמעגן,
אין אַ פרעמדער וועלט מיט פרעמדע נעכט און טעג.

ס'איז פרילינג און אַלץ האָט זיך צעבליט
און באַגליקט די וועלט מיט נאַטורס געשאַנק;
און איך, איך שרייב אין איינזאַמקייט מיין ליד,
שלעפנדיק זיך מיד אין שווערן גאַנג.

## גאָט באַהיט מיך

גאָט באַהיט מיך אויף די וועגן
אין מיין וואַנדער, דאָ, און דאָרט,
קיין שטרויכלונג שיק מיר ניט אַנטקעגן,
לאָז מיך קומען צו אַן אָרט.

לאָז מיך וואו אַ היים געפינען,
צו וואַנדערן איך בין שוין מיד;
גיב מיין לעבן שוין אַ זינען
און אַ תיקון צו מיין ליד.

# דעם דיכטער׳ס וועג...

די וועלט צעעפנט ווידער אירע וועגן,
פאַר דעם וואַגלענדיקן דיכטער ברייט;
קומט די שיינקייט ווידער אים אַנטקעגן,
צו באַגריסן אים מיט טרייסט און פרייד.

„ניט געזאָרגט זיך דיכטער, — רעדן בערג און טאָלן —
וואָס דיין מזל פירט דיך אויף די וועגן ווידער;
ס׳וועט געצוים פון שאַפן דיר באַצאָלן,
פאַר דיין ווייַ און צער מיט נייע לידער.

טראַכט ניט, וואָס דו ווערסט אַלץ עלטער, מידער,
און דו ביזט אַליין, אַליין געבליבן, —
ביזט ניט אַליין, דו האָסט מיט זיך די לידער,
וואָס דו האָסט אין האַרצן אָנגעקליבן.

און אידן זיינען אומעטום פאַראַנען,
וואָס וואַרטן אומגעדולדיק אויף דיין קומען;
זיי וועלן פאַר דיר וואַרטן ביי די באַנען
און דיך באַגעגענען מיט פרייד און בלומען.

און יעדערער וועט שטאַלץ זיין אָפּצוגעבן
דיר דעם שענסטן חדר וואו צו וואוינען;
וועסט פאַרגעסן אָן דיין שווערן וואַנדער־לעבן,
מ׳וועט מיט דיכטער־רום דיך דאָרט באַקרוינען.״

— — — — — — — — — — — — — — — —

די זון הויבט אָן פאַרגיין, ס׳שלענגלען זיך די וועגן,
קיין בליאונג אויף די פעלדער שוין ניט פאַראַנען
דער אָוונט קומט — דער אומעט לויפט אַנטקעגן,
דעם דיכטער אָן זיין גורל צו דערמאַנען...

## אויף די וואַקזאַלן

אויף די וואַקזאַלן,
אין די ווייט-פאַרוואָרפענע
וועלט-ווינקלען,
ווערט דער ווייטיק גרעסער,
דער טרויער טיפער,
דער בליק פאַרטראַכטער...

זעסט דעם אומעט אין פרעמדע אויגן,
פילסט די איינזאַמקייט פון דיינע מיטפאָרער,
דאָס אַרומדרייען זיך הין און צוריק פון די מענטשן,
דאָס שטיין אַזוי נאָענט איינע לעבן די אַנדערע
און דאָך פאַרבלייבן אַזוי ווייט און פרעמד...

## די באַן סטאַנציע

די באַן סטאַנציע איז שטענדיק
מיין רו-אָרט מינוט;
ווען איך וואַרט אויף דער באַן,
פיל איך פריי, פיל איך גוט.

מיין בליק איז געווענדט
צום וועג צו דעם שיינעם;
כ'זיץ צווישן פרעמדע,
מיר גוטע און ריינע.

כ'וואַרט אַז די באַן זאָל זיך
נעמען שוין רירן,
צו בעסערס און שענערס,
מיך ערגעץ דערפירן.

## זאָל זיך מיר דאַכטן

זאָל זיך מיר דאַכטן צווישן די באַגלייטער,
וואָס שטייען געדולדיק און וואַרטן ביים באַן;
מ'רעדט אַזוי האַרציק, מ'צערטלט זיך ליבלעך,
איז אויך אַ באַגלייטער פאַר מיר דאָ פאַראַן.

זאָל זיך מיר דאַכטן אין קלאַנג פון די קושן,
וואָס קלינגען מיט ליבשאַפט און האַרציק-געטריי;
דערשפיר איך אויך קושן פון נאָענטע און ליבע,
וואָס שטייען פאַרבאָרגן ערגעץ דערביי.

זאָל זיך מיר דאַכטן... ס'רירט זיך די באַן שוין,
ס'פלאַטערט אַ לופט-קוש פון נאָענטן באַגלייט!
ס'בלייבן די פאָרער פון שיידונג פאַרבענקטע,
דאָך ציטערט אויף זייערע ליפּן די פרייד.

נאָר איך בלייב דאָ איינער אַליין מיט מיין אומעט,
וואָס דריקט אַזוי טיף, אַזוי פרעמד, אַזוי שווער;
און ס'וויינט שטיל דאָס האַרץ אין עלענדער בענקשאַפט
און ס'ציטערט אין אויג אַ פאַרבאָרגענע טרער.

## צי זיך, צי זיך, וויטער וועג

צי זיך, צי זיך, וויטער וועג,
צי אַ יאָר זיך אַ מינוט;
אָן אַ היים און אָן אַ ברעג,
פיל איך פריי און פיל זיך גוט.

דאַכט מיר, אַז די וועלט איז מיין,
איך בין הפקר ווי דער ווינט...
ס'שטראָמט אויף מיר די וועלט מיט שיין
און איך בין דער וועלטס אַ קינד...

## אין פעלד

בלאָע און פאַרטראַכטע טעג
אויפן שטילן, גרינעם פעלד;
ברייטע הימלען, פרייער וועג,
אין אַ גרויסער, ענגער וועלט.

לאָזט די ברוסט זיך ברייט פונאַנד —
אָטעמט פריי און אומגעשטערט.
דאַכט מיר, אַז דאָס גאַנצע לאַנד,
איז אַ שטיק געבענטשטע ערד...

## שעפּ אַריין...

שעפּ אַריין אין זיך דעם גאַנצן זאַפט
פון די ווייטע, ווייטע וועגן;
ס'האָט נאַטור אַזוי פיל לעבנס-קראַפט,
און רייך אַזוי נאַטורס פאַרמעגן...

און טרינק זיך אָן ווי מיט אַ גוטן וויין,
מיט אַלץ, וואָס שוועבט פאַר דיינע בליקן...
און זויג זיך אָן מיט פריש פרימאָרגן-שיין, —
דאָס וועט דיין מידע האַרץ דערקוויקן...

און זע, די קנאָספּן הויבן אויף די קעפּ
אין קלאָרן לויטערן פרימאָרגן;
און די קוסטעס פלעכטן אוים די צעפּ,
ווי יונגע כלות אין דער שטיל פאַרבאָרגן...

שעפּ אַריין אין זיך דעם גאַנצן זאַפט
פון די ווייטע, ווייטע וועגן...
ס'האָט נאַטור אַזוי פיל לעבנס-קראַפט,
און רייך אַזוי נאַטורס פאַרמעגן...

## פון איין שטאָט אין דער אַנדערער

פון איין שטאָט אין דער אַנדערער,
פֿן איין שטאָט אין דער אַנדערער,
טראָג זיך מידער וואַנדערער,
יאָג זיך מידער וואַנדערער!
דאָ אַ נאַכט און דאָ אַ טאָג
און יאָג זיך ווייטער, יאָג!

נעכטן זיך מיט פריינט באַגעגנט
און היינט זיך שוין מיט זיי צעזעגנט.
דאָך עפּעס איז אין הארץ פאַרבליבן,
עפּעס האָט די פען פאַרשריבן:
אַ פּאַסיק שלעכט, אַ פּאַסיק גוט,
אַ פּאַסיק טרייסט, אַ פּאַסיק בלוט,
אַ פּאַסיק פיינט, אַ פּאַסיק פריינט, —
ביידע שוין ניטאָ מער היינט!

און ווידער איינזאַם, ווידער שטיל,
און ווידער באַן — צום בלינדן ציל.

## ווייטער, ווייטער

ווייטער, ווייטער, ווייטער,
וואַנדער, וואַנדער, וואַנדער,
דאָ האָט זיך דאָס לעבן
אָפּגעשטעלט;
ווייטער, ווייטער, ווייטער,
וואַנדער, וואַנדער, וואַנדער,
זוך אַ נייע וועלט.

גיכער, גיכער, גיכער,
לעבן, לעבן, לעבן,
האָט דאָך ניט קיין ענד
און קיין ברעג.
גיכער, גיכער, גיכער,
לעבן, לעבן, לעבן, —
זוך צו דעם דעם וועג!

# דער וועג איז א ווייטער

דער וועג איז אַ ווייטער אַ פרעמדער געווען,
דער צוג איז מיט שנעלקייט געפלויגן.
און פעלדער און וועלדער און בערגער און טאָלן
עס בליצן פאַרביי פאַר די אויגן.

אַט זע איך אַ דערפל זיך ציען פון ווייט,
אַ הייזל, אַ מיידעלע שטיין;
אַ בליק, און עס קריצט זיך אַ בילד איין אין מח,
אַ קינד אַזוי ערלעך און שיין.

עס הויבט מיך אָן ציען אַהין דאָרט צו איר,
צום שטילן, צום דאָרפישן קינד,
אַ בענקשאַפט נעמט נאָגן און נאָגן מיין האַרץ,
דער צוג דאָך ער שווינד אַלץ און שווינד.

דער צוג דאָך ער שווינד אַלץ און טראָגט זיך ווייט ווייט,
די זון זי איז באַלד שוין פאַרגאַנגען;
עס ראַנגלען זיך שטראַלן אויף שפּיצן פון בערג,
ווי עמעצער האַלט זיי געפאַנגען.

און ס׳בליקן אַראָפּ פונעם הימל פאַרקלעמט
וואָלקענדלעך בלייכע און שטומע,
ווי ס׳וואָלט זיי געשראָקן די אָנקום פון נאַכט
און זוכן וואו ערגעץ אַ תקומה.

און ס׳רוקט זיך אַלץ נענטער און נענטער די נאַכט
מיט אויגן מיט שוואַרצע אַנטקעגן;
און ס׳רייסט זיך דער צוג אַלץ און שניידט דורך די לופט
דורך חושך פאַרהילענדע וועגן.

## באַרג אַרויף באַרג אַראָפּ

באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ,
וואו עס גיט אַ פאַל דאָס אויג...
ווי אַ קינד פון מוטערס בריסט,
זויג איך בערג־דופט, זויג און זויג...

כ׳אָטעם איין די בשמים־לופט
פון דורות פיל, פון דורות לאַנג...
ווייעט אויף מיר פון בערג דער דופט,
ווי אַן אַלט און ווייט געזאַנג...

נויג איך וואונדער איך מיין קאָפּ
פאַר דעם גרויסן, טיפן סוד...
ביז די נאַכט פאַלט שטיל אַראָפּ
און איך בלייב אַליין מיט גאָט...

## עס רירט מיך ביז טרערן

עס רירט מיך ביז טרערן
די שיינקייט פון וועג,
כ׳וויל איצט ניט קלערן,
ווי ווייט איז צום ברעג.

זאָל איילן און יאָגן,
דער צוג ווילד, פאַרשייט
און ערגעץ מיך טראָגן
אין וועלט אַריין ווייט...

כ׳וויל איצט ניט טראַכטן
פון מענטשן און שטאָט;
מיין ליבע, מיין בענקען,
נאַטור איז און גאָט...

## די וועלט

ווער זאָגט, אַז די וועלט האָט אַ ברעג,
אַז רוים, און צייט, האָט אַן ענד?
אָט יאָגט זיך די באַן ווייט אין וועג
און כ'האַלט מיינע אויגן געווענד —

צו ווייטקייט, צו הויכקייט, צו וועלט,
צו נאַנטקייט פון הימלשן ראַנד;
צו ברייטקייט פון וואַלד און פון פעלד,
וואָס איז נאָך פאַר מענטש אומבאַקאַנט...

וואָס נענטער מיר קומען צום ראַנד
און ס'דאַכט זיך, מיר זיינען ביים ברעג —
אָט נעמסטו די וועלט אַן פאַרן האַנט,
שפּאַצירסט מיט איר היימיש אַוועק...

נאָר פלוצלונג דער רוים זיך צעשפּרייט,
צעציט זיך פון נאָנט און פון ווייט —
און זון מיטאַמאָל זי פאַרגייט —
און ביזט צווישן וועלט, צווישן צייט...

## דער מדבר

דער מדבר אין וועג מאַכט מיר טרויעריק, קאַלט,
וועט די פּוסטקייט לאַנגווייליקע, גאָרניט אויפהערן?
ווען וועט זיך באַווייזן אַ הייזל, אַ וואַלד?
כ'קען מער ניט קוקן צום מדבר דעם לערן.

די זאַמדן די טרוקענע, גרויע, צעשאָטענע,
מאַכן מיד מיין בליק און שווער מיינע אויגן.
אַ גליק, קענען מיר אויפן באַנק אַ „יאַנג ליידי",
ליגט אַ בלייך-מידע אין שלאָף אויסגעצויגן...

אין באַן זי באַגלייטן מיט טרער-פייכטע אויגן
כ'האָב געזען איר מאַמע, געזען איר טאַטן;
איצט ליגט זי אַ מידע אין שלאָף אויסגעצויגן —
אַ נאַכט אָפּגעהוליעט מיט „קאָנווענשאָן-דעלעגאַטן"...

# מיטאָג־צייט אין פעלד

מיטאָג־צייט.
ביי אַ זייטיקן וועג אויפן גראָז
זיצן זיי, די האָרעפּאַשניקעס,
אָנגעטאָן אין די פאַרשמירטע
אַרבעטער־קליידער,
און עסן דעם אָרעמען
מאָלצייט.
אַרום און אַרום גרינט.
פעלד און וואַלד, באַרג און טאָל
זיינען באַגאָסן
מיט זון־שיין.
און פון די הויכע ביימער,
וואָס שטייען אַנטקעגן זיי,
הענגען אַריבער די צווייגן
איבער זייערע נאַקעטע קעפּ,
באַשיצט זיי פון זון.
און ווען אַ צוג לויפט שנעל פאַרביי
הויבן זיי אויף זייערע בליקן,
קייענדיק דעם האַרטן ביסן
קוקן זיי נאָך דעם צוג,
וואָס יאָגט און יאָגט
אַלץ ווייטער און ווייטער,
ביז ער ווערט פאַרשוואונדן
פון זייערע אויגן.

## אַ ליכטיק פעלד

אַ ליכטיק פעלד
אין אַ פינצטערער וועלט
עס ליכטיקט אַריין,
מיט ווייך-שטילן שיין...

דער אָוונט פאַלט צו,
וויגט איין מיך אין רו,
ווי ס'וואַלט אויף דער וועלט,
מער גאָרניט געפעלט...

דער צוג יאָגט דורך פעלד
אין אַ פינצטערער וועלט —
נאָר ס'ליכטיקט דאָס ליד,
וואָס העלט אין געמיט...

## פ אַ ר נ אַ כ ט

פאַרנאַכט. הייזעלעך אומעטיקע, שטילע,
פאַרזונקען ווי אין אָוונט-תּפילה,
גיבן פאַרן אויג אַ בליץ און פאַרגייען —
שאָטנס שטומע, דרייען זיך און דרייען.

די טעלעגראַפן סלופעס שווינדן גיך,
די ביימער נאַקעטע פאַרטיפט אין זיך
טראַכטן פון דעם ווינטערס בייז געדריי,
פון דעם שטורעם, וואָס עס קומט אויף זיי.

— — — — — — — — — — — — —

און איך, אַן איינזאַמער אין שטומען ווײַ
כ'וואַרף מיין לעצטן אָוונט-בליק צו זיי.

## ס׳פאַלט די נאַכט שוין צו

ס׳פאַלט די נאַכט שוין צו,
ווערט דער טאָג פאַרדעקט...
און די טונקלקייט,
אויפן וועג מיך שרעקט...

ווערן באַרג און טאָל
חושך מיט אַמאָל...
איינגעדרייט ווי אין
שוואַרצן, דיקן קנויל...

און עס ווערט דער צוג
בייז אַזוי און שטום...
שניידט די פינצטערניש,
מיט אַ ווילדן ברום...

## אין שטילקייט פאַרנאַכט

ווען דאַרף איך אין שטילקייט פאַרנאַכט,
אַ חוץ די חלומות פון ווייטן אַמאָל?
איך זע פאַר זיך באַרג, איך זע פאַר זיך טאָל,
און הער זיך צו שטיל צו מיין אייגענעם קול.

און טראַכט פון די יאָרן, וואָס שווימען אַוועק
אַזוי ווי אַ ליידיקע שיף אָפּ פון ברעג;
ס׳ווערט פוסט דער האָפן, דער טויער פאַרמאַכט —
— — — — — — — — — — — — — — —
ווען דאַרף איך אין שטילקייט פאַרנאַכט?

## כ׳בין מיד

כ׳בין מיד אזוי ארומצואוואנדערן
מיט מיין אָרימען פּאַרמעג:
איצט, ווען יאָרן לויפן איינע נאָך די אַנדערע,
ווי די רעדער פון דער באַן אין וועג.

ווען זומער איז פאַרביי און ווינטער איז שוין דאָ
און ווייסער שניי ליגט אויסגעשפּרייט אויף יעדער וועג;
ווי וואָלט איך וועלן רוען ווי דער בוים אין פעלד
מיט ווייסן קאָפּ פאַרשנייט דורך די ווינטער-טעג.

און אויפבליען צוריק אין פרילינגדיקן גלאַנץ
מיט נייעם שאַפונגס-גייסט, מיט יונגער פרייד און וויי.
נאָר ניין, דאָס קען דאָך שוין מער אזוי ניט זיין —
ס׳וועט שוין בלייבן ליגן ווייס אזוי דער שניי.

טאָ לאָז אין וועג זיך ווידער, מיט נייע ווינטער-לידער,
און זאָל די באַן דיך טראָגן, וואו זי אַליין נאָר וויל!
און קוק אַרויס צום דרויסן, צו אַ וועלט אַ ווייסער —
און זאָל דער שניי דיך הילן אין ווייסן ווינטער-שפּיל.

## פענצטער אויפן וועג

פענצטער אויפן וועג לויכטן מיט גליענדן שיין,
ווי שטערן אין הימל אין דער נאַכט אַריין.
דאָרט וואוינען דאָך מענטשן און פירן אַ לעבן,
דאָרט רוען דאָך מענטשן מיט נאָענטע דערנעבן. —
נאָר מיר האָט דאָס לעבן קיין רו ניט געגעבן.

די באַן לויפט מיט שטורעם, ווי ווער וואָלט איר יאָגן,
ווי זי וואָלט די סודות פון נאַכט מיט זיך טראָגן.
און איך, איך לויף מיט — באַן טראָגט מיר מיט זיך
און ס׳לויפט מיט מיין עלענדער, אייגענער „איך",
וואָס זוכט צו אַנטלויפן, אַנטלויפן פון זיך.

## יאָג זיך ווייטער באַן

אָ, יאָג זיך ווייטער באַן,
אָ, יאָג זיך ווייטער, ווייטער!
און נעם מיין לעבן מיט
הפקר׳דיק, פאַרשייטער.

ניטאָ קיין צוריקגאַנג מער,
ניטאָ צו־וואָס צו קומען;
אָ, ווער וועט וואַרטן, ווער,
אויף מיר, מיט פרייד און בלומען?

אָ, יאָג זיך ווייטער באַן,
אַלץ ווייטער מער פון דאַנען;
קיין אונטערשייד וואו, —
קיין ציל איז מער ניט פאַראַנען...

## כ׳וועל זוכן אין דער וועלט

כ׳וועל זוכן אין דער וועלט כאָטש געפינען וועל איך ניט
און נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל וועלן אָפּגענאַרט.
און זוכנדיק ניט אויפהערן צו זינגען מיר אַ ליד,
אַ ליד פון אייביק וואַנדערן צו עפּעס וואָס געגאַרט.

ניט אָפּשטעלן זיך פאַר קיין געפאַר, וואָס טרעפן קען אין וועג:
פאַר שטערונגען, פאַר שטרויכלונגען, וואָס קען מיט מיר געשען.
ס׳מוז די וועלט דאָך האָבן ערגעץ וואו אַ ברעג,
וואו איך וועל פאַר זיך אַ ווינקל פון דער ווייט דערזען.

און דאָרטן וואו באַגעגענען פלוצלונג, אומגעריכט
דאָס, וואָס האָט געצויגן מיך צום וואַנדער יאָרן לאַנג;
אַ לויכט טאָן וועט פאַר מיר אַן אומבאַקאַנטע ליכט,
אַ זינג טאָן וועט פאַר מיר אַן אומבאַקאַנט געזאַנג.

## די ראַדיאָ שפּילט

די ראַדיאָ שפּילט אומעטיק און לאָזט מיך ניט טראַכטן,
ווי זי אַלט וועלן מיין איינזאַם פאַרוויגן.
שפּיל, שפּיל ראַדיאָ, ס'הויבט מיך אָן דאַכטן,
אַז דאָס שפּילסטו אויס מיין אייגענעם ניגון.

אַז דאָס שפּילסטו אויס מיינע אייגענע צער'ן,
ווען ס'יאָגט זיך די באַן אין נאַכטיקן טרויער.
ס'האָט עפּעס צום וואַנדער געטאָן מיך פאַרנאַרן, —
שפּיל, שפּיל ראַדיאָ, אויס דיין באַדויער!

## חלום מיינער

חלום מיינער, קומסט צוריק,
כ'זע דיך ווידער פאַר מיין בליק;
כ'זע דיר אָונט, כ'זע דיר פרי,
כ'זע דיר אין דעם לאַנד פון בלי.

וואו ווינטער פונקט ווי זומער בליט,
וואו ס'איז נאַטור דאָס שענסטע ליד,
וואָס אַ דיכטער זינגען קען,
פול מיט לוסט און יוגנט-ברען.

חלום מיינער, חלום לאַנג,
לאָז מיך ציען מיין געזאַנג,
וואָס האָט זיך דאָ צעהעלט, צעבליט,
לאָז מיך אויסזינגען מיין ליד.

## האָט דער צוג זיך אָפּגעשטעלט

האָט דער צוג זיך אָפּגעשטעלט
ניט ווייט פון אַ שטעטעלע אַ קליינס ;
ס'איז אָוונט...
אַנטקעגן שטייט אַ הויז,
אַ לאַנגע, אַ ברייטע און אַ נידעריקע...
אַ פּאָר עלעקטרישע לעמפּלעך צאַנקען
בייביידע הויז-ווינקלען,
ווי די אויגן ביי אַ גוסס...
דערשרעקט ער זיך, דער צוג,
פאַר די גסיסה לעמפּלעך...
לאָזט אַרויס אַ ברום
און הויבט אָן לויפן...

## שוין נאָענט איז צו דער שטאָט

שוין נאָענט איז צו דער שטאָט,
דער אומבאַקאַנטער שטאָט ;
אין דער שפּעטער נאַכט
אין אַ פרעמדער שטאָט...

עס ווינקען שוין פון ווייט,
פייערלעך מיר צו...
אויף וועלכער בעט די נאַכט,
וועל איך געפינען רו ?

און וועלכער מענטש צוערשט
וועט אויסשטרעקן די האַנט,
צו באַגריסן מיר
אין דעם ווייטן לאַנד ?

## אויפן ווייכן שטול

פון וואַנדערן ווען איך ווער מיד
און שווער עס בויגט זיך איין מיין קאָפּ;
אויף ווייכן שטול איך פאַל אַוועק
און רו די מידע גלידער אָפּ.

ניט אין מיין היים שטייט ווייכע שטול —
אַזוינס האָב איך נאָך ניט געהאַט!
נאָר אין דער לאָבי פון האָטעל,
אויף מיין וועג וואו נע־ונד.

אויך אין האָטעל דאָ וואוין איך ניט,
נאָר אין אַן אָרעם צימער וואו. —
דאָ קום איך שרייבן בלויז מיין ליד,
אויף פרעמדן שטול, אין פרעמדער רו.

## מיין פרילינג האָט זיך ניט צעבליט

פרילינג ליבער, כ׳האָב דיין בליאונג ניט געזען
עס איז מיר ניט געווען באַשערט;
ס׳האָט אַ שפּיל געטאָן מיט מיר דאָס מזל
און מיין שיינעם פרילינג מיר צעשטערט.

כ׳בין פאַרשפּאַרט אין פרעמדן הויז געלעגן,
אין אַ פרעמדער שטאָט, אין אַ פרעמדער בעט;
ס׳האָט דיין פרילינג־זון מיך ניט געוואַרעמט
און דיין פרילינג־ווינטל האָט מיך ניט געגלעט.

כ׳האָב די פרייד פון וועג ניט מער גענאָסן
און אויך דעם טרויער פון זיין נע־ונד;
ס׳האָט אַן אומגליקס־פאַל מיך אָפּגעריסן,
ווי פון שטורעם־ווינט אַ בלאַט.

# אין דער פרעמד

ס'ווערט מיד פון תכלית'דיקן זיצן אויף אן ארט
און האבן דאס געפיל: אז ס'וועט שוין אזוי בלייבן;
די זעלבע שטאט, די זעלבע הויז, די זעלבע מענטשן —
הייבט עס אן מיט שטורעם דיך צו טרייבן.

דו נעמסט דעם אלטן וואנדער־שטאק אין האנט
און לאזט אוועק זיך אין די ווייטע ווייטן;
אמאל אין אייגן, אמאל אין פרעמדן לאנד,
צו זוכן דארט א לעבן א באנייטן.

טרעפסטו זיך מיט מענטשן פרעמדע, נייע,
און ס'הייבט דיר אן צו דאכטן ביזט געגעזן
און ס'ווערט דיר ליב אזוי און א מחיה,
אלץ איז עפעס אנדערש, ווי געוועזן.

ניין, עס איז נאך ניט דער לעצטער פונקט
פון תכלית'דיקן לעבן, ווי געוועזן;
דו דערפילסט זיך ווידער ניי און יונג —
נאר פלוצלונג, עפעס איז מיט דיר געשען!

דו ביזט פארשלאפט געווארן, ביזט אין קלעם
און מאכטלאז בלייבסטו ליגן ווייט אין וועג,
ווי א קראנקער פויגל אויף א הויכן בוים,
וואס פליען קען עס ניט פון נעסט אוועק...

ליגסטו טעג און נעכט אין בעט און טראכסט
פון דער פרעמדקייט, פון דער צוגעשמידטער נויט,
פון דעם גורל פון א מענטשן, וואס ער האט
געוואלט אנטלויפן פון זיין אייגענער הויט.

— — — — — — — — — — — — —

ס'ציען זיך די שעה'ן לאנג און באנג,
שווער און אומעטיק מיט צער מיט שטומען
און ס'שפאטן פון דיר שאטנס אין פיבערדיקן ברען:
פרעמדער, גיי צוריק פון וואנען דו ביזט געקומען!

## אין פּאַרק

דער טאָג אַזוי שיין,
ס'איז זוניק און קיל —
דאַכט מיר, די וועלט איז
אַ שטענדיקער שפּיל,

אַזוי ווי אַ מענטש,
אַמ יונג און אַמ אַלט,
אַזוי ווי אַ האַרץ,
אַמ היים און אַמ קאַלט.

נו, זיץ איך אין פּאַרק
אַליין אויף אַ באַנק,
אַ מענטש אין דער פרעמד,
מיט וואַנדער־פאַרלאַנג.

כ'זיץ און איך וועב זיך
אין שטילקייט מיין ליד
און ס'ווערט אַזוי לייכט,
דאָס שווערע געמיט.

עס פאַלן די בלעטער
פאַרגעלט און צעבערענט,
אַן אָנזאָג — דער זומער
קומט באַלד צו אַן ענד.

דערווייל איז נאָך וואַרעם
און ליכטיק און שיין,
און ס'שפּילן נאָך קינדער
מיט פרייד און מיט ברען.

הויבט מיר אָן דאַכטן,
איך בין נאָך אַצינד,
אין היימלאַזן וואַנדער,
אַ שפּילענדיק קינד.

איך שפּיל מיטן לעבן,
מיט יאָרן און טעג,
אַזו ווי די קינדער
מיט זאַמד אויפן וועג.

## איז שוין טאַקע שפּעט?

איז שוין טאַקע שפּעט,
יאָרן אויך שוין שפּעט?
דאַכט מיר, עמעץ פרעגט,
ווי מיט אַ געבעט.

ווער זאָל דער עמעץ זיין
שפּעט אַזוי ביינאַכט?
אפשר איך אַליין,
ווען איך זיץ פאַרטראַכט?

ווען איך זיץ און קוק
אויפן בלייכן שיין,
אויפן שאָטן מיין —
זאָל איך אַליין דאָס זיין?

איז שוין טאַקע שפּעט,
יאָרן אויך שוין שפּעט?
שלאָפן, שלאָפן גיי,
אין דער פרעמדער בעט.

אין דער פרעמדער בעט,
אין דער פרעמדער שטאָט;
אַ מענטש אַליין, אַליין,
אַ, היט מיך, היט מיך גאָט!

## נו, האָסטו מיר באַוויזן דאָ

נו, האָסטו מיר באַוויזן דאָ
אַביסל פריינטשאַפט, קינד;
גוט איז כאָטש אַ גוטע שעה,
כאָטש די שעה פאַרשווינדט.

אליין, אליין, מען בלאָנדזשעט אום
אין דער ווייטער פרעמד;
מיט פאַרדריקטע ליפּן שטום,
אומעטיק, פאַרקלעמט.

ביזטו ווי אַ מלאך דאָ,
געקומען אומגעריכט, —
זאָל זי זיין געבענטשט די שעה,
די שעה פון פרייד און ליכט.

## אַ שיינעם דאַנק דיר!

אַ שיינעם דאַנק דיר פאַרן ביסל גליק,
וואָס דו האָסט מיר געשאָנקען שטילערהייט;
עס האָט דיין יעדער וואָרט, דיין יעדער בליק,
מיך אין איינזאַמקייט דערפרייט.

עס זיינען מענטשן אַזוי קאַלט און האַרט
אין דער ווייטער, ווייטער פרעמד;
און קומסטו, וואו דו האָסט אַזוי געגאַרט,
בלייבסטו עלנט און פאַרשעמט.

דאָך אין יעדער שטאָט, אין יעדן לאַנד
געפינען מענטשן זיך, — ניט פיל,
וואָס שטרעקן אוים צום פרעמדן זייער האַנט
און צערטלען אים און טרייסטן שטיל.

ביזטו דאָך פון די ניט פילע — פיל,
וואָס קומט מיט גוטסקייט און דערהויבט,
און לייטערט ווי אַ שטילע תפילה, שטיל —
טאָ זיי דערפאַר געבענטשט, געלויבט!

## ניטאָ מער די קאַליפאָרניער זון...

ניטאָ מער די קאַליפאָרניער זון,
דערפאַר האָט שניי זיך וויים־צעבליט;
אויך ווינטער האָט אַ טיפן זין
און שניי צעהעלט דאָס שווער געמיט.

דער טייך בלענדט מיט אייז און קעלט
אוןביימער שטייען שניי־באַדעקט;
שניי, צו בלומען, — ס׳איז שיין די וועלט
און אַלץ צום לעבן רופט און וועקט...

## גוד ביי, לאָס אַנדזשעלעס!

גוד ביי, לאָס אַנדזשעלעס, גוד ביי!
כ׳בין פינף מאָל שוין דאָ געווען;
און קיין נחת ניט געהאַט פון דיר,
כאָטש ביזט בליענדיק און וואונדער־שיין.

עס טוט מיר ווי אַזוי און באַנג,
וואָס איך געפין אין דיר קיין פרייד;
כ׳פאָר אַוועק און קום צוריק,
כ׳זוך פאַר זיך אַליין אַלץ דעם באַשייד.

כ׳ליב די בלומען דיינע, פאַלמען, זון,
אַלץ פאַרכאַפּט מיין האַרץ, מיין בליק!
פאַרוואָס־זשע פיל איך דאָ אַזוי באַטריבט?
פאַרוואָס געפין איך ניט אין דעם קיין גליק?

# וועסט לעיק פּאַרק*)

אַמאָל וועל איך זיך אפשר פאַרבענקען
נאָכן פּאַרק ביי זיבעטער גאַס;
ער וועט אויפוואַכן פאַר מיין געדענקען,
ווי דורך אַ נעבלדיקן-בלאָס...

און כ׳וועל זיך אין מיין בענקשאַפט פרעגן:
פאַרוואָס? פאַרוואָס?
פאַרוואָס בין איך ניט געבליבן זיצן
ביים טייך אויפן גראָז?...

אַזוי פיל מענטשן זיינען דאָרט געזעסן
און זיך זוניק געקוויקט
מיט דער רייכער שפע פון גאָטס פאַרמעגן,
וואָס נאַטור האָט באַגליקט...

דאָס גאַנצע אַרום מיט הויכע פּאַלמען,
בלומען און גראָז...
און כ׳וועל אין מיין בענקשאַפט פרעגן:
פאַרוואָס? פאַרוואָס?

ס׳איז דאָך געווען אַזוי גוט צו זיצן און קוקן
אויף גאָטס באַשעפענישן דאָרט:
פייגעלעך, טייבעלעך, ביים גרינעם וואַסער-ברעג
האָבן זיך געשפּילט און געפּאָרט...

---

*) אַ פּאַרק אין ל. אַ.

געכאַפּט די ביסנס וואָס גוטע מענטשן
האָבן פֿאַר זיי געגרייט...
אַ הימל אַ ליכטיקער איז געלעגן
איבערן טייך פֿאַרשפּרייט...

און ווילדע קאַטשקעס זיינען געשוואומען
אין ווילדן געדריי...
און נאָך זיי די „קינדערלעך” זייערע,
ערשט אויסגעפּיקט פֿון איי...

און ווידער וועל איך זיך אַליין פֿרעגן
מיט ווײ און פֿאַרדראָס...
און קיין ענטפֿער זיך ניט קענען געבן —
פֿאַרוואָס? פֿאַרוואָס?...

## אַוואו איך זאָל ניט קומען

אַוואו איך זאָל ניט קומען
קען איך לאַנג ניט בלייבן;
עס הערט ניט אויף דאָס מזל
פֿון אָרט צו אָרט מיך טרייבן.

אין שטאָט צווישן מענטשן,
איך ווער דערשטיקט פֿון ענגשאַפֿט;
אין פֿעלד צווישן בלומען —
ס׳האַרץ פֿאַרגייט פֿון בענקשאַפֿט.

## נאָך אַ חלום

נאָך אַ חלום איז פאַרגאַנגען,
נאָך אַ חלום איז צערינען.
אוי, מיין שיינער, שיינער חלום,
כ׳וועל שוין קיינמאָל דיך געפינען.

נאָך אַ שפּיל האָב איך פאַרלאָרן
אויף די ווייטע, ווייטע וועגן.
אוי, דו קורצער, קורצער לעבן,
וואָס נאָך בלייבט אין דיין פאַרמעגן?

נאָך אַ צוריקקער צו דעם אַלטן,
וואָס איך בין פון דעם אַנטלאָפן, —
העי, דו אייביקער פאַרלירער,
האָסט ניט מער אויף וואָס צו האָפן!

בלייב שוין שטיל און רואיק זיצן
מיט דיין שטרעבן, מיט דיין דענקען.
אפשר וועט אַן אַלטער חלום,
זיך אַמאָל נאָך דיר פאַרבענקען.

## איך פאַרזינג

אַזוי־אָ פאַרזינג איך
די יאָרן, די טעג,
מיט טרוימען פון ליבע,
מיט בענקשאַפט פון וועג...

אָט אַזוי לעב איך
אַ לעבן זיך אָפּ
אין יונגע חלומות,
ווען ס׳גרויט שוין דער קאָפּ...

## ניו־יאָרק

צ׳ריק צו דיר, ניו־יאָרק, ניו־יאָרק!
אין וועג, איך פיל דיר שוין אין בלוט, —
מיט מיין וויי און מיט מיין זאָרג,
איז מיר לעבן אין דיר גוט!

אויסגערייזט אַ האַלבע וועלט,
וואו ווינטער וואַרעמט דאָרט און בליט...
ס׳האָט אויף מיר געיאָגט אַ קעלט,
ס׳האָט די זון מיך ניט צעגליט.

מעג דיין ווינטער זיין ווי טריב,
פול מיט שניי און פול מיט קעלט, —
ביזטו אַלץ, ניו־יאָרק, מיר ליב,
ניו־יאָרק, ניו־יאָרק, האָסט מיר געפעלט!

## און האָב איך פאַרלאָרן

און האָב איך פאַרלאָרן מיין היים פון אַמאָל,
די היים פון מיין קינדהייט־געטריי;
איז ניו־יאָרק געוואָרן מיין שטענדיקע היים,
מיט צענדליקע יאָרן פאַרביי.

אויף ניו־יאָרקער ערד כ׳האָב גערדאַרט און געבליט,
דעם אַנהויב פון יוגנט פאַרזיימט;
דאָ האָב איך געשריבן מיין יונג־ערשטע ליד,
גע׳חלומ׳ט פון ליבע און פרייד.

דאָ האָב איך געליטן, דאָ האָב איך געקעמפט,
דאָ האָב איך מיין לעבן געשטעלט;
דאָ האָב איך פאַרבונדן מיין גורל מיט מענטש, —
ניו־יאָרק איז געוואָרן מיין וועלט.

## צוריק צו דעם אַלטן

צוריק צו דעם אַלטן,
צוריק אָן באַגער —
צום לעבן צום קאַלטן,
וואָס פּוסט איז און לער.

ניטאָ מער אַפילו
די איינזאַמע טעג;
פון אָוונט די תפילה,
די בענקשאַפט פון וועג.

ס'שווינדן פון באַנען
אין חושך־גהיהנם. —
צוריק צו דעם אַלטן,
אָן וועג און אָן היים.

## נאָך אַ שפּיל...

נאָך אַ שפּיל שוין אָפּגעשפּילט,
נאָך אַ קאָן פאַרלאָרן;
ניט געטראָפן, וואו געצילט —
אָרעמער געוואָרן...
נעם דעם שטאָק אין האַנט אַריין,
וואַנדער ווייטער, ווידער...
ס'האָט דער וועג נאָך זון און שיין
און דאָס האַרץ — נאָך לידער.

# אינהאַלט:

## דערציילונגען


אַ וואָרט פון מחבר — 3
אַריינפיר־ליד — 4
אַן אַלטער מיטגליד — 5
זומער ביים ים — 10
„סטאַק" — 13
אַ נייע הויז — 17
נאָך דער חתונה — 20
אין אַ שידוכים קלוב — 24
ביים באַקס אָפּיס — 30
אויפן זעלבן וועג — 37
אין אַ סוף־זומער־נאַכט — 40
אַ שיינע פרוי — 45
אַמאָל און היינט — 48
אויף ווי לאַנג? — 52
אויפברויז — 55
רעשטלעך — 59


## לידער

### זינג מיין האַרץ


איך בין דער ליריקער — 65
פּאַר אַלע — 66
דאָס ניי געזאַנג — 66
לידער פון דער צייט — 67
לידער זיינען — 68
זינג מיין האַרץ — 69
צוריק — 69
שיינט די זון — 70
די יום־טוב׳דיקע רו — 70
זומערדיקע שטילקייט — 71
די נייע פרייד — 71
ס׳האָט די זון זיך צעהעלט — 72
כ׳פיל עפּעס יום־טוב׳דיק — 73
שטילע שעה׳ען — 74
דער נייער מאָרגן — 74


### פון נאָענטן אמאָל


וואַרף דיין ליכט אויף מיר — 77
קום מיט מיר — 78
וואָס פאַרלאַנג איך דען? — 79
אַ ,קום שוין, קום! — 80
אויב ס׳איז נאָך פאַרבליבן — 81
אַ, פרעג מיך ניט — 82
איך און דו — 83
אַ קויל איז געפלויגן — 83
מיין געזאַנג — 84
אין וויסטן שפּיל — 84
אַלץ וואָס מ׳פאַרלירט — 85
שיינענדער גאָלד — 85
די שפּיל — 86


### מיין וועלט


כ׳גיי דורך מיין וועלט — 89
כ׳האָב פאַרגרייזט — 89
און וואָס זאָל איך טאָן — 90
מאַמע מיינע — 90
כ׳האָב קיינמאָל — 91
פאַרוואָס — 92
צי קען מען זיך נערן — 93
מיין טאַטנס וועג — 94
כל זמן איך לעב — 94
מיינע תפילין — 95
אַלטע בריוו — 96
וואָס איז אַ בריוו? — 97
קלערמאָנט פאַרק — 98
יוסף מיט די ברידער — 100
מיין ברודער—דער ציוניסט — 102
מיין שוועסטער׳ס קבר — 103
צום שווערסטן איז — 104
כ׳האָב ליב געהאַט — 105
ס׳איז ביי מיר אַ שפּע — 106
כ׳בין געבוירן אין לידער — 106


### אין שפּעטע שעה׳ען


רואיק זיי! — 109
איז דיין זומער שוין פאַרביי — 109
אַ טאָג אַזאַ — 110
פרילינג־שניי — 111

נאָך אַ שפּיל — — — — — — — — 158
קנייטשן — — — — — — — — — — 111
ס׳וועלן קילער די טעג — — — — — 112
ניטאָ קיין צייט מער פּאַר שפּיל — 112
שטילקייט — — — — — — — — — — 113
וואָס ס׳וועט זיין וועט זיין — — — — 113
כ׳בין נאָך אַלץ אַ קינד — — — — 114
די צייט — — — — — — — — — — 114
אַ חלום געווען — — — — — — — — 115
שטילער — — — — — — — — — — 115
באַרג אַראָפּ — — — — — — — — 116
מיט אונדזער לעבן — — — — — — 116
אין די מיטעלע יאָרן — — — — — — 117
מיר . . . — — — — — — — — — 117
איר יונגע — — — — — — — — — 118
ס׳איז ניט די יאָרן — — — — — — 118
יאָרן — — — — — — — — — — 119
מאָמענטן — — — — — — — — — 119
זיינען זיי געווען — — — — — — — 120
און אָפּטמאָל — — — — — — — — 120
ווער ? — — — — — — — — — — 121
און באַלד — — — — — — — — — 121
אַ וואַלץ — — — — — — — — — 122
אומעטן אַלערליי — — — — — — — 123
די שעה איז שפּעט — — — — — — 124
ניטאָ מער דער דיכטער — — — — — 124
נאָך אַזאַ טאָג אַ געשענקטער — — 125
אין האַרבסט — — — — — — — — 125
די עלטער — — — — — — — — — 127
די לעצטע — — — — — — — — — 127
נאָכן יאַריד — — — — — — — — 128
נוירסעס — — — — — — — — — 129
דער „אָרדערלי“ — — — — — — — 130

## אין וואַנדער־וועג

ווען מען פּאַרלירט — — — — — — 132
באַגלייט מיך זון — — — — — — — 133
גאָט באַהיט — — — — — — — — 133
דעם דיכטערס וועג — — — — — — 134
אויף די וואָקזאַלן — — — — — — 135
די באַן־סטאַנציע — — — — — — — 135
זאָל זיך מיר דאַכטן — — — — — — 136
צי זיך ווייטער וועג — — — — — — 136
אין פעלד — — — — — — — — — 137
שעפּ אַריין — — — — — — — — 137
פון איין שטאָט אין דער אַנדערער— 138
ווייטער, ווייטער — — — — — — — 138
דער וועג איז אַ ווייטער — — — — 139
באַרג אַרויף באַרג אַראָפּ — — — 140
עס רירט מיך ביז טרערן — — — — 140
די וועלט — — — — — — — — — 141
דער מדבר — — — — — — — — — 141
מיטאָג־צייט אין פעלד — — — — — 142
אַ ליכטיק פעלד — — — — — — — 143
פאַרנאַכט — — — — — — — — — 143
ס׳פאַלט די נאַכט שוין צו — — — 144
אין שטילקייט פאַרנאַכט — — — — 144
כ׳בין מיד — — — — — — — — — 145
פענצטער אויפן וועג — — — — — 145
יאָג זיך ווייטער באַן — — — — — 146
כ׳וועל זוכן אין דער וועלט — — — 146
די ראַדיאָ שפּילט — — — — — — — 147
חלום מיינער — — — — — — — — 147
האָט דער צוג זיך אָפּגעשטעלט — — 148
שוין נאָענט צו דער שטאָט — — — 148
אויפן ווייכן שטול — — — — — — 149
מיין פרילינג ניט צעבליט — — — — 149
אין דער פרעמד — — — — — — — 150
אין פּאַרק — — — — — — — — — 151
איז שוין טאַקע שפּעט ? — — — — 151
נו, האָסטו מיר באַוויזן דאָ — — — 152
אַ שיינעם דאַנק דיר — — — — — 152
ניטאָ מער קאַליפאָרניער זון — — — 153
גוד ביי, לאָס אַנדזשעלעס — — — 153
„וועסט לעיק פּאַרק“ — — — — — 154
אַוואו איך זאָל ניט קומען — — — 154
נאָך אַ חלום — — — — — — — — 156
איך פאַרזינג — — — — — — — — 156
ניו־יאָרק — — — — — — — — — 157
און איך האָב פאַרלאָרן — — — — 157
צוריק צום אַלטן — — — — — — — 158